פינפצענטן יאָרגאַנג
№ 39
Redakcja: opłata pocztowa opłacona ryczałtem.
פרייז 20 גראָשן.
„CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków

ראַיאָן: אַלעע 6, — טעלעפאָן 291

Piątek 25 września 1936 | ליכט-צינדען 5.15 | פרייטאג, ערב-יום-כפור תרצ"ז

דער יום = טוב איז
קיין יום-טוב נישט,

אויב די בעל-הבית'טע וועט פערגעסען וועגען געבעקס,
אָדער דאָס געבעקס וועט זיך נישט איינגעבען.
אויסגעצייכענט געבעקס פערזיכערען די אויסארבייטונגען פון
דר. עטקער:
באַק - פּראָשעק „באַקין", קרעמטיגונגס-צוקער „וואַנילין" און מאַנדעל-אייל, ציטרין-אייל א. ד. גל.
מיט אַכטונג אויף דער שוץ-מאַרקע „העלער-קאָפּ" און די אויפשריפט
Dr. A. OETKER.
Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38.
דאס אונפערגלייכליכע ביכעל מיט פאָרשריפטען פון דר. עטקער א. ס. „אַ גוטע בעל-הבית'טע באַקט אַליין" איז צו בעקומען אין אלע קאָלאָניאַל-געוועלבער, ביכער-געוועלבער און ביי אונזער פערטרעטער. פרייז 50 גר.

פּעסטשטעלונג

1) אזוי ווי עס זענען אין „הנוער הציוני" (וועלט פערבאנד) אַלעע 16, פערשפרייט געוואָרען קלאַנגען, דאס איך שטעה אין קאָנטאַקט מיט און-געוואונשענע עלעמענטען, שטעל איך פעסט, אז דאס איז נישט מעהר ווי א פּראָוואָקאַציע פון דער מערהייט פון דער הנהגה, כּדי מיך צו קאָמפּראָמי-טירען;

2) די האנדלונג פון דער מערהייט פון דער הנהגה און דאס נישט לאָזען קומען מיך צום וואָרט, איז דער בעסטער בעוויז, אז די אָרגאַניזאַציע ווערט אָנגעפיהרט פון עלעמענטען וואס זענען נישט פעהיג אָנצופיהרען מיט'ן „הנוער הציוני".

איך פאָדער דעריבער אין משך פון 4 טעג צו רעווידירען דעם בעשלוס. אין געגענפאַל וועל איך ציהען די ווייטגעהענדסטע קאָנסעקווענצען.

ש. פּאָרבערג
געוועזענער מיטגליד פון דער מועצה

א גמר חתימה טובה
פאַר אַלע טשענסטאָכאָווער יודען
ווינשט
חזן יוסף באַראַש
יאָהאַנעסבורג (אַפריקאַ)
זיין פרוי חיה און קינדער שלמה, משה, אפרים, דבורה
(צייטוו. אין טשענסטאכאוו).

א גמר חתימה טובה
אונזערע פריינד, בעקאַנטע און די חשוב'ע קונדען ווינשען
בעריל האָפמאַן, פאַרבען-געשעפט, אַלטער מאַרק 31.

א גמר חתימה טובה
ווינשען מיר אונזערע חשוב'ע קונדען, פריינד און בעקאַנטע
דוד גאָלדבערג און פרוי וואורשט-געשעפט, גענשא גאס 28.

א גמר חתימה טובה
אונזערע פריינד, בעקאַנטע און די חשוב'ע קונדען ווינשען
נ. ווישליצקי און פרוי פאַרבען-געשעפט, אַלעע 2

Zł. 25.000
na № 87551 w IV kl. 36-ej lot.
padła w znanej z większych wygranych kolekturze
S. Hafftka i S. Borzykowski
ALEJA 2. — Tel. 19-13.
Szczęśliwe losy I kl. 37 lot. są już do nabycia

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.
מיר נעמען אָן צו וואשען קראַגענס מיט לאנג - דויערנדען שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך העמדער צו ריינינען און צו פאַרבען אַלערליי קליידונג.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס 2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט

Dr. med. B. RAPP
specjalista chorób OCZNYCH z Kalisza
przyjmuje w WIELUNIU
w każdą niedzielę w godz. od 8-ej rano do 1-ej w lokalu Przychodni Przeciwjaglicznej ul. REFORMACKA 15.

LEKARZ-DENTYSTA **A. BOMS**
przeprowadził się z ul. Śląskiej 4
na ul. Śląską (Gnaszyńska) 8
DO MIESZKANIA P. D-RA WAGNERA
i przyjmuje od godz. 9—1 i 4—7.
Parzy gbinecie jest pracownia zębów sztucznych.

הורט! די לאַנג-יעהריגע פירמע דעטייל!
שאַרף און וואָלאָדאָווסקי, אַלטער מאַרק 28
עגז. נאָך פאַר'ן קריעג
בעזיצט אויף לאַגער און קאָמיסיאָן
ארץ-ישראל-אתרוגים פּאַרגא און באמארא-אתרוגים ווי אויך לולבים און הדסים.
רעעלע בעהאַנדלונג. גוטע בעדינונג.

די מאָדערנסטע **ברילען** אין א גרויסען אויסוואהל מיט די בעסטע גלעזער „פּונקטאַל", אויסגעפיהרט גענוי לויט די פאָרשריפטען פון די אָקוליסטען, ווי אויך לופּעס, טערמאָמעטערס, באַראָמעטערס און שטאָל-אויסאַרבייטונגען. פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען און אַלערליי צוגאָבען דערצו עמפפעהלט אויף די קומענדע ימים-טובים צו די ביליגסטע פרייזען
Optyk MEDICAL Z. Erner, Aleja 3

איינקאַסעס
אַלערליי אינקאַסאָ-דאָקומענטען ווערען אָנגענומען און די איינגעפּלאַצענע סומען ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאָג פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.
הלוואות אויף באַהן-פראַכטען, זאַליטשקעס א. אנד. ווערט פאַפירען ווערען אַרויסגעגעבען.
די אינקאַסאָ-קאָסטען אין אונזער באַנק זענען די ביליגסטע.
די בעהאַנדלונג און בעציהונג צו אונזערע קליענטען זענען די בעסטע.
Powszechny Bank Kredytowy Sp-czy
Równe-Woł. ul. Poniatowskiego 45. Tel. 149

הננו משתתפים בצער העמוק של **משפחת הוכרמן**
למות עליהם אשתו ואמם
דאָברע נ"ע
בתוך אבלי ציון תנוהמו.
דוד קרימן ורעיתו

אונזער רבי'ן און ערציהער
ר' **זיסמאן אראנאוויטש**
צוליעב'ן טויט פון זיין פרוי
שרה נ"ע
דריקען מיר אויס אונזער הייסען מיטגעפיהל.
בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ינחם.
די תלמידים פון זיסמאן אראָנאָוויטש'ס חדר
אָגראָדאָווא נר. 13.

B. asystent Kliniki Ocznej w Pradze Czeskiej
Dr. med.
M. LIBROWICZ
choroby i chirurgja oczu
Aleja Kościuszki 14.
Telefon 12-26.
Przyjmuje od 9—1 i od 4—7.

אונזער פריינד יוסף קאַטט (אין פראַנקרייך)
צוליעב'ן טויט פון זיין הייסגעליבטע **מוטער**
שיקען מיר אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל און טרייסט
מרדכי און שרה קויפמאַן.

KINO „LUNA"
TRĘDOWATA
לויט דער ערצעהלונג פון ה. מנישקובנאַ
אין די הויפט-ראָלען: בארטשעווסקאַ, בראָדניעוויטש, סטעמפּאָווסקי, י. ווענגזשין, טשוויקלינסקאַ א.א.
פולשטענדיג ניי-איינגעריכטעטע אַפּאַראַטור!

CYRK Arena
4-masztowy olbrzym
(znany Cyrk pod Wodą)
אויפ'ן פּלאַץ קילינסקי 18
אונאָבּרופליך לעצטע 3 טעג!
היינט, פרייטאָג, דעם 25-טען ד. ח.
1 פאָרשטעלונג — 8-30 אָוועגד
שבת, דעם 26 און זונטאָג, דעם 27 ד. ח.
2 פאָרשטעלונגען 4-30 נ"מ און 8-30 אָוו.
בעמערקונג: כּדי צו געבען די מעגליכקייט יעדען איינעם צו זעהען אונזער אויסערגעוועהנליכען פּראָגראַם האָט די דירעקציע פון צירק בעשלאָסען אויף אַלע פאָרשטעלונגען אריינצופיהרען
דאַמען בחנם
דאָס הייסט 2 מאַן אויף 1 בילעט.

LEKARZ - DENTYSTA
D. GLIKSON
Wieluń,
NARUTOWICZA № 6.
Ceny zniżone

נ"ע **שמואל זיינוויל שווידערסקי**
איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען.
די לויה איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג דעם 24 סעפּטעמבער 1936 (ח' תשרי תרצ"ז).
גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אַ דאַנק די אַלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר.
אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זוהן, טעכטער, שניר, איידעמס, איינִיקלעך, אוראייניקלעך און פאמיליע.

אַכטונג!
מיידעל פון אַ גוטער אָבער פעראָרימטער פאַמיליע, א לעהרערין פון העברעאיש און יודיש, קען אויך נייהען, געפונט זיך אָהן אויסגאַנג און וויל גערן אָננעמען א פּאָסטען אלס לעהרערין אָדער ביי אַן'עלטערער פרוי אלס בעגלייטערין פאַר א זעהר קליינער בעלוינונג.
ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע.

אשמנו...

שטעהען די יודען פון דער גאנצער וועלט און האלטען זיך אין איין בע-שולדיגען: מיר זענען שולדיג מיר האבען געזינדיגט — אשמנו.

די פעלקער פון דער גאנצער וועלט האלטען אויך אונז אין איין בעשולדי-גען. אין אלע צרות, וואס קומען אויף דער גארער וועלט, זענען מיר שולדיג. וואו אנ'אומגליק, וואו א קריזיס, זענען מיר חייב.

און פאקטיש?

צי זענען מיר טאקי שולדיג, וואס מיר זענען צוזייט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט? צי זענען מיר שולדיג, וואס מען האט אונז אין משך פון דורות געטריבען, געיאגט פון איין ארט צום אנדערען? צי זענען מיר שולדיג, וואס די פעלקער האבען נישט געקאנט צוקוקען, ווי אזוי מיר ווילען, ביי אלע צרות און פייניגונגען, דאך נישט אונטערגעהן?

אשמנו.

צי זענען מיר שולדיג, וואס מיר ווילען נישט מעהר ליידען? צי קומט אונז צו בעשולדיגען דערפאר, וואס מיר האבען מיט אונזער שווייס און בלוט אויפגעבויט דאס וויסטע ארץ ישראל. צי אויך דערפאר זאל מען דארפען זאגען אשמנו?

צוערשט האט מען אונז בעשולדיגט, אז מיר זענען א שאכער-מאכער-פאלק, אז מיר ווילען נישט ארבייטען, כאטש מען האט אונז נישט צוגעלאזט צו קיין ארבייט, און איצט, ווען דער סטראגאן דער בזוי ומבוזה'דיגער-האנדעל ווערט ארויסגענומען פון אונזערע הענד, זע-נען מיר ווייטער שולדיג — אשמנו.

פון אלע זייטען ווארפט מען אונז פאר חטאים, אפילו אין שפאנישען ביר-גער-קריג זענען מיר יודען שולדיג; או-מעטום שטעקט אונזער האנד. מיט א טיפען וועהטאג אין הארצען ווילט זיך דעריבער פרעגען: אשמנו מכל עם — פארוואס זענען מיר די אומגליקליכסטע פון אלע פעלקער, וועלכע געפונען זיך אויף גאטס וועלט, אז אין אלעם זאלען מיר זיין שולדיג?!

און אפשר זענען מיר טאקי יא שול-דיג, אפשר האט דער גלות פון אונז געמאכט אזעלכע פחדנים, אז מיר הא-בען נישט דעם מוט צו פאדערען אונ-זערע רעכט. פערקעהרט, אנשטאט צו פאדערן פאר אונז דאס רעכט צו לע-בען אויף דער ערד, וועלכע מיר הא-בען זייט 800 יאהר בעארבייט מיט אונזער שווייס און בלוט, קומען גאר יחידים און רעדען אומנעבעטענערהייד וועגען „עמיגראציע" און „עוואקואציע", גיסענדיג אזוי-ארום אייל צום אנטיסע-מיטישען פייער. אפשר זענען מיר טא-קי שולדיג דערפאר, וואס מיר זאגען נישט די דאזיגע פארשטעהער, אז זיי זאלען אויפהערען צו זיין אונזערע בעלי-טובות —

אשמנו.

זאלען מיר זיך אויפהערען אליין צו בעשולדיגען. זאלען אוועקגעזעצט ווע-רען אויף דער בעשולדיגונגס באנק אט די יעניגע, וועלכע זענען באמת שול-דיג אין אונזערע ליידען און צרות.

זאל אשמנו אויפהערען צו האבען דעם טייטש, וועלכען מיר האבען איהם ביז איצט געגעבען ד. ה. אז מיר בע-שולדיגען זיך אליין. פון היינט אן זאל עס הייסען, אז מיר בעשולדיגען אנדע-רע; מיר ווארפען דעם „איך בעשול-דיג" דער וועלט אין פנים אריין.

מיר וועלען זיך נישט לאזען בערוי-בען אונזער רעכט און לעבען. מיר וועלען פאדערען דאס רעכט צום לעבען אויף דער וועלט צוגלייך מיט אלע אנ-דערע מענשען. מיר בעשולדיגען אייך.

אט דאס דארף זיין דער אמת'ער טייטש פון —

אשמנו! ש.

פארבערייי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)
אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק
ספעציאליטעט:
1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.



גלייכווערטלעך לכבוד יום-כפור

געזאמעלט דורך יחיאל טשענסטאכאווער

בבית אלקים נהלך ברגש

א יוד פון ליטא איז געקומען גע-שעפטליך נאך ווארשא, וואו ס'איז איהם אויסגעקומען צו דאווענען אין א חסידים-שטיבעל. זעהענדיג, ווי א חסיד געהט בשעת התפלה ארויף און אראב איבערן שטיבעל, האט ער זיך געוואונדערט דערויף. דער חסיד האט איהם דערויף געענטפערט: עס געפונט זיך וועגען דעם א בפירוש'ער פסוק אין די סליחות: „בבית אלקים נהלך"— אין בית-התפלה דארף מען געהען ארויף און אראב...

בקהלם אל תחד כבודי

ווי עס ווערט דערצעהלט אין ספר „אהל שלמה", זענען אמאל געקומען קיין ראדאמסק צוויי פארטגעשריטענע יונגע-לייט און בעזוכט דעם „תפארת-שלמה". ביים אוועקגעהן האבען זיי ארויסגענומען א שעהנע מטבע און געוואלט איבערלאזען. דער „תפארת שלמה" האט זיך אבער אבגעזאגט דאס געלד אנצונעהמען. אויף דער פראגע פון די מקורבים וועגען דער סיבה דערפון בעת אין דער שטוב פיהלט זיך א דוחק אין פרנסה, האט דער „תפארת שלמה" געענטפערט מיט א וויץ: בעת די צוויי יונגעלייט וועלען יו"כ קומען צום חשבון-הנפש און דער בית-דין של מעלה וועט קאנטראלירען זייער קאסע, אויף וואס פאר עבירות זיי האבען במשך דעם יאהר אויסגעגעבען זייער געלד, וועט זיך אין זייער צעטעל אויך געפונען דער „תפארת שלמה", און דאס וויל איך אויסמיידען.

כי דור תהפוכות המה

א בעוואוסטער קמצן האט בעת ער האט עולה לתורה געווען יום-כפור מנדר געווען א שענע מטבע. ווען דער הזן איז צוריקגעגאנגען מיט דער תורה, האט דער זעלבער קמצן אנגעריהרט מיט דער האנד דאס ספר-תורה און דאן די האנד א קוש געגעבען. דער רב האט צוגערופען דעם קמצן און איהם געזאגט: ווי איך זעה טהוט איהר אלעס פערקעהרט ווי מ'דארף, אנשטאט צו געבען א נדבה מיט דער האנד, גיעט איהר מיט'ן מויל, און ווען מ'ברויך צו קושען מיט'ן מויל, קושט איהר מיט דער האנד און דערויף האט דער נביא געווייגט: כי דור תהפוכות המה—א דור, וואס טהוט אלעס פער-קעהרט.

ושבח אני את המתים

ווען די עלטערן לעבען קענען זיי נישט ווירקען אויף די קינדער, זיי זאלען געהען אין דער שוהל דאווענען: אנדערש אבער איז, ווען די עלטערן זענען טויט, דאמאלס קומען די קינדער אליין צו הזכרת נשמות.

דער „אדון עולם"

ר' נתן שפירא, וועלענדיג ווערען רב אין קראקא, איז ער געקומען אהין אויף שבת-שובה האלטען א דרשה אין דער שטאדט-שוהל און שוין פערבליבען איבער יום כפור. דער ראש הקהל האט איהם מכבד געווען מיט פסוקי דזמרא, זאגענדיג דאביי: רבי, אין נאמען פון גאנץ קראקאווער קהל בין איך אייך מכבד מיט „אדון עולם". דערויף האט ר' נתן געענטפערט: איך בעט דעם „אדון עולם", ער זאל מיך מכבד זיין מיט קראקאווער קהל און נישט קהל זאל מיך מכבד זיין מיט'ן „אדון עולם"...

חנני ד' כי אליך אקרא כל היום

עס טרעפט פיעל מאל, אז ווען ס'קומט אנ'ארימאן נאך א נדבה און דער בעל-הבית ענטזאגט זיך איהם צו געבען, טרעט דאך דער ארימאן נישט אב און פייניגט אזוי לאנג, ביז-כדי פון איהם פטור צו ווערען, מוז מען איהם פארט געבען די נדבה. דאס טענה'ן מיר מיט'ן רבש"ע: חנני ד', ערפול רבש"ע מיין בקשה און גיעב מיר פרנסה—כי אליך אקרא כל היום, ווייל איך וועל יו"כ שטעהן א גאנצען טאג אין דער שוהל און אזוי לאנג בע-טען, ביז דו וועסט מוזען ערפולען מיין פערלאנג.

ערות—לא תגלה

ערות לא תגלה, כי ערותך הוא—די שאנד, די חטאים פון דיין משפחה זאלסטו נישט אויפדעקען דען דערמיט טהוסטו בעפלעקען אויך דיך.

ער איז א גרעסערער צדיק פון רב

איך בין א גרעסערער צדיק פון רב —האט גע'טענה'ט א משכיל. בעת דער רב זיצט יום כפור און דער שוהל ביים דאווענען, שטעה איך א גאנצען טאג—ווי אויף שפילקעס...

יום כפורים

יום כפור ווערט גערופען „א טאג ווי פורים"—„יום כיפורים"—דאס איז דערפאר, ווייל יו"כ איז עהנליך צו פורים: פורים פערשטעלען זיך יודען פאר גוים און יו"כ—„גוים" פאר יודען...

שיר היחוד

דער שיר היחוד, וואס ווערט געזאגט נאך כל נדרי, איז א דעמאקראטישער סיסטעם: מיר א פסוק, דיר א פסוק...

אין דער ערוואַרטונג אויפ'ן מיליאָן.

בלויז עטליכע טעג טיילען אונז אב פונ'ם זעהר עמאציאנעלען פאר יעדען לאטעריע-שפילער מאמענט, ווען ס'וועט אויספאלען דער גורל פונ'ם הויפט-גע-ווינס פון דער פיערטער קלאס — דער מיליאן זלאטעס. דערווייל איז אונז יעדער טאג מודיע וועגען ארויספאלען פון ראד גרעסערע און מיטעלע געווינ-סען, וואס האבען ערנסט פערשטארקט דעם מצב פון יחידים, וועלכע געהערען צו אלערליי געזעלשאפטליכע קרייזען אין פיעל פוילישע ערטער.

אזוי-ארום, צווישען די בעזיצער פון נומ. 163529, אויף וועלכען ס'איז גע-פאלען איינער פון די עטליכע הונדערט-טויזענטער געווינסען, געפונען זיך: פרוי ארליקאווסקא – א פריוואט-אנגעשטעלטע אין ווארשא, מ. שינוואלד פון לאדז (פולנאצנא 13) אנ'ארבייטער פון א שאקאלאד-פאבריק. י. וו. — א סוחר און ס. סטעפאן — א בעל-מלאכה. מיט די אנדערע הונדערט טויזענד זלאטעס הא-בען זיך צעטיילט צוויי ארבייטער און צוויי בעאמטינ'ס — אלע פון ביעלסק אויף ציעשינער שלאנסק, ווייל זיי זע-נען געווען די בעזיצערינ'ס פון נומער 194977.

ווי בעוואוסט, זענען אין דער פיער-טער קלאס פון דער זעקס-און-דרייסיג-סטער מלוכה - לאטעריע איינגעפיהרט געווארען פיער נייע געווינסען צו פינף-און-זיבעציג טויזענד זלאטעס יעדע. די ערשטע פון זיי איז געפאלען אויפ'ן נומ. 128.333, זייענדיג אין בעזיץ ביי לאדזער איינוואוינער. א בעדייטענדע פערשטארקונג האבען בעקומען די איינ-וואוינער פון ריקי, גארוואלינער פא-וויאט, ווייל זיי וועלען זיך צוטיילען מיט פופציג טויזענד זלאטעס, וואס זע-נען געפאלען אויפ'ן נומער 133.927. אינ'ם דערמאנטען שטעדטעל איז דא נישט לאנג אויסגעבראכען א שרפה, אלזא, דאס געווינס וועט זיי גוט צונוץ קומען.

אין ראד זענען נאך, אויסער דעם מיליאן, פערבליבען נישט ווינציג גרע-סערע געווינסען, ס'איז נאך פערהאן א סך שאנסען. ענדליך אין אקטאבער ה. י. וועט פארקומען די ציהונג פון דער ערשטער קלאס פון דער זיבען-און-דריי-סיגסטער לאטעריע, מ'וועט אזוי ארום אויך דאן קאנען פרובען דאס מזל.

על חטא...

כ'האב זיך ארויסגעלאזט אין דער יו-דישער גאס זוכען א ביסעל חטאים; כ'בין נייגעריג געווען צו וויסען, צי איז באמת פערהאנען אזוי פיעל זינד ביי יודען, וואס זיי מוזען זיך אזוי פיעל קלאפען אין הארצען על חטא.

כ'האב געוואנדערט איבער דער אלט-שטאדט – איבער די גארנצארסקע און נאררושעטשנא גאסען, אלטער מארק און קאזיע, סענאטארסקע און קאשארא-ווע; כ'האב אריינגעקוקט אין די ענגע פערחושכ'טע שטובען, זיך צוגעהערט צו זייערע געשפרעכען, צו זייערע פער-לאנגען און האפנונגען, אויסגעהערט זייערע קרעכצען און זיפצען, נאר אז זיי זאלען זינדיגען האב איך נישט גע-הערט. אפילו דאמאלס, ווען זיי, אט די דאזיגע יודען, געפונען זיך אין דער גרעסטער צרה און עס כאפט זיך נישט-ווילענדיג ארויס פון זייער מויל א הארב ווארט, ווערט עס באלד בעגלייט מיט'ן אויסדרוק: „כ'זאל נישט זינדיגען מיט די רייד"...

אין יענע גאסען האב איך נישט גע-פונען קיין יסוד צו די על חטא'ס, אוי-סער, אויב זיי, די אומגליקליכע, דאר-פען זיך קלאפען על חטא נאר דערפאר, ווייל זיי זענען ארים.

כ'בין דאן אוועק אין דער ניי-שטאדט אין די אלעען, קאשטשושקי, אלעע וואלנאשטשי, א. א. וו. דארט איז מיר שוין אפילו שווער אנגעקומען אריינצו-קומען בלויז אין די שטובען. איך האב זיך געדארפט הינטער דער טהיר לעגי-טימירען פאר דער שיקסע און ערשט דאמאלס האט געדויערט א לענגערע צייט ביז דער בעל הבית אדער די מאדאם האט בעוויליגט מיך אויפצונע-מען.

דעם אמת זאגענדיג, האב איך אויך דארט, ביי די אויסדערוועהלטע, נישט געפונען קיין מאטיווען פאר'ן על חטא. אמת, זיי זינדיגען יא שוין אונטער א ביסעל ברייטער, זיי שעהמען זיך צו רעדען מיט דער פאלקס שפראך, קוקען אויף אונז פשוט'ע יודען פון אויבען אראב. ס'פעהלען זיי אויך נישט, אום אויסגערעדט זאל עס זיין, קיין חטאים בעת זיי פאהרען זיך איבער א ביסעל אין די בעדער, דאן פערשולדיגען זיי זיך אויך דערמיט, וואס זיי בעשעפטי-גען נישט אין זייערע אונטערנעמונגען קיין אייגענע ברידער, וועלכע ווערען צוליעב דער איצטיגער סיטואציע ארויסגעשטויסען פון זייערע עקאנאמישע פאזיציעס. זיי זענען אויך שולדיג — אבער בעשולדיג אהין, בעשולדיג אהער, ווען מען נעמט אין אכט, אז אט די זעלבע האבען דאס גליק צו זיין יודען, סעהלען זיי אויך שוין נישט קיין צרות, קומען זיי שוין אויך גענוג אב און זיי-ערע עבירות ווערען בלאס אנטקעגען דעם אלעם, וואס זיי קומט אויס צו ליידען דערפאר, ווייל זיי זענען יודען, אזוי אז אויך זייער על חטא איז נישט קיין הונדערט-פראצענטיגער.

שטעהען דאך אבער פארט די יודען און קלאפען זיך על חטא, טא וואס ווילען זיי, אין וואס בעשטעהט זייער זינד?

ווי איהר זעהט קאן איך נישט גע-פונען דעם אייגענטליכען זין פון די יודישע על חטא'ס. איך דארף דאך אבער זיי פארט האבען, ווארום פער-געסט נישט, אז אויב די על חטא'ס פון אלטען מחזור זענען נישט אין דער איצטיגער צייט אקטועל פאר די, וועל-כע קלאפען זיך, דארף איך זיי אבער האבען, כדי קאנען צוזאמענשטעלען א פעליעטאן אויף דער טעמא: על חטא.

לאין ברירה וועל איך מיך מוזען בעגניגען מיט דעם, וואס מיר איז גע-לונגען צונויפצוזאמלען אין אונזער היי-מישען געמויזעכץ, איבערלאזענדיג אינ-גאנצען אין א זייט דעם אלטען צונויפ-געשטעלטען פון כמה וכמה דורות על חטא פון מחזור.

אלזא צום ענין:

על חטא — קלאפט זיך א יוד, וועל-כער האט געוואלט געהן אין דער ניי-ער סינאגאגע דאווענען, נאר ביים איינגאנג האט איהם דער קריסטליכער שומר אבגעשטעלט און איהם נישט אריינגעלאזט, האט דער יוד געזאגט, אז ער געהט חלילה נישט דאווענען, ער דארף נויטיג האבען איינעם, וועל-כער דאווענט אין דער שוהל און ער מוז איהם ארויסרופען. דער קריסטלי-כער שומר האט אבער איהם נישט גע-וואלט גלויבען, טענה'דיג: מיר קאנען זיך שוין אויף די זשידאווסקי שפיצלעך. האט זיך דער יוד געשוואוירען, אז ער וועט אין דער שוהל נישט דאווענען, האט איהם דער קריסט געגלויבט. אזוי ווי נאר אבער דער יוד איז געקומען אין דער סינאגאגע אריין האט ער „פערגעסען" די שבועה, וואס ער האט געגעבען דעם שומר און ער האט יא געדאווענט. קלאפט ער זיך איצט אין הארצען דערפאר, ווייל ער האט גע-מוזט צוליעב'ן וועלען דאווענען אבנא-רען דעם שומר...

על חטא.

על חטא — איך האב געהאט בדעה צו שטימען בעת די וואהלען פאר'ן 11-טעל, איז אבער די לעצטע מינוט געקומען איינער פון די חסידישע ליס-טעס און מיר אריינגעריקט א צווייער גילדען אין דער האנד אריין, אז איך זאל שטימען גאר פאר זיין ליסטע. איך האב איהם געגעבען די האנד, אז איך וועל טאקי פאר איהם שטימען (די צוויי גילדען זענען מיר צונוץ געקומען אויף א טאג פרנסה), נאר ווען כ'בין געקומען אין דער וואהל-ביורא אריין האט מיר מיין געוויסען נישט געלאזט טהוען קיין שווינדעריי און האב פארט געשטימט פאר'ן 11-טעל. דערפאר אבער, וואס כ'האב גענומען דעם צוויי-ער גילדען צו שטימען פאר יענעם, קלאפ איך זיך אין הארצען — על חטא.

דעם ערשטען טאג ראש-השנה האט דער פרעדיגער פון דער נייער שוהל געהאלטען א דרשה פאר תקיעת שופר. היות אבער ווי דער עולם האט געפונען פאר בעקוועמער פונקט דאמאלס זיך צו געפונען אין דרויסען, אזוי אז די דרשה איז געהאלטען געווארען פאר די ליידיגע בענק, האט דער פרעדיגער אויף צומארגענס שוין געהאלטען זיין פרעדיגט נאך תקיעת-שופר, ווען דער עולם האט צוליעב די תקיעות זיך גע-מוזט געפונען אין דער שוהל. איז דאך די קשיה, ווי אזוי מעג מען רעדען נאך תקיעת שופר דאמאלס, ווען מען טאר לויט'ן דין נישט מפסיק זיין. נאר מסתמא ווייסט דער „ראבינער" בעסער צו פסקענען שאלות... איבריגענס, ער האט דאך „קאזאניעוועט" אויף פויליש און דאס איז מסתמא נישט קיין איסור. און אויב נאך דעם אלעם, איז עס פארט א זינד, שטעהט ער איצט, דער פרעדיגער, און קלאפט זיך פאר דער עבירה — על חטא.

א סך יודען זענען זיכער געווען, אז זיי ווערען דאזארעס אין דער יודישער קהלה; זיי זענען געווען אזוי זיכער, אז זיי האבען שוין בעצייטענס געשא-סען מיט חוצפה, אויסגערעדט כל דבר אסור. איינער זאגאר, וועלכער האט זיין גאנץ לעבען א שייכות מיט שוס-טעריי, איז געווארען א „ליטעראט" און אנגעשריבען א מעטערדיגען ארטיקעל. איז אבער דער זעלבער אדורכגעפאלען מים'ן קנאק און ער וועט ווייטער זיך מו-זען מתעסק זיין מיט שוסטעריי. שטעהט ער, אט דער דאזיגער ניעדאשלי דא-זאר און זבענקעט אין הארצען — על חטא.

דער קצבים-צעך האט געוואלט צו-ליעב דער שחיטה-גזירה און צוליעב נאך אנדערע גזירות אליין געהן מיט א ליסטע צו דער קהלה. היות אבער ווי מען האט זייער ליסטע געפסלט, האבען זיי זיך מתחבר געווען מיט'ן 14-טעל, און צוגעזאגט האט מען זיי כל גדולות. איהר קצבים וועט געהן שטימען און דערפאר וועלען מיר, 14-טלעך, אייך געבען א דאזאר אין דער פערוואלטונג. האבען די קצבים טאקי געגעבען שטימען און קיין דאזאר אין דער פערוואלטונג וועלען זיי ליידער נישט בעקומען. וויינען איצט די מיט-גלידער פון קצבים-צעך דערפאר, וואס זיי האבען פוילע פיש געגעסען און פון דער קהלה ארויסגעטריבען און מיט גרויס כונה קלאפען זיי זיך פאר דער נארישקייט על חטא.

כ'וואלט אייך געקאנט דא נאך אויס-רעכענען א גאנצע רייהע טיפען, וואס דארפען מיט אנ'אייזערנעם האמער זיך קלאפען על חטא, נאר ווארום ווי ס'איז ערב יום כפור און מען טאר נישט רע-דען קיין רכילות, מאך איך דאס מאל א שווייג און פאר דעם ביסעל רכילות, וואס איך האב דא אנגערעדט, קלאפ איך זיך אליין —

על חטא...

סמאל

חורבן אשכנז

פון א בעזוך אין די דריי דייטשע שטעדט: מינכען, מאנהיים און האנאווער

מינכען איז די הויפט-שטאדט פון דער נאצי פארטיי. דא איז די פארטיי געבוירען געווארען, דארט עקזיסטירט דאס בעריהמטע „ברוינע הויז", פון דארטען ווערען סטימולירט אלע אנטי-יודישע געזעצען און די גאנצע אנטי-יודישע פראפאגאנדע.

קיין וואונדער נישט, אז יודען אין מינכען פיהלען זיך נישט אזוי איבריג גוט...

די גרעסטע-טייל יודישע סוחרים אין מינכען האבען שוין לאנג ליקווידירט זייערע געשעפטען. עס האט נישט גע-האט קיין זין אנצוהאלטען א יודיש געשעפט, ווען אין פראנט פון יעדער אונטערנעהמונג זענען געשטאנען גע-דונגענע נאצי-פיקעטען און קיינעם אי-נעווייניג נישט אריינגעלאזט.

אבער אפילו יענע יודישע געשעפטס-לייט, וואס האבען געדענקט, אז זיי וועלען די פיקעטען איבערלעבען—אפילו זיי האבען זיך איצט געמוזט מיט זיי-ערע געשעפטען אבגעזעגענען. מען האט זיי איינפאך געצוואונגען זייערע געשעפטען צו „אריאניזירען". מען האט זיי מיט געוואלד געצוואונגען צו פערקויפען זייערע אונטערנעהמונגען צו אריער פאר קלייגעלד.

שטעהען זיי איצט, די דאזיגע דע-קלאסירטע יודישע געשעפטסלייט, און בעלאגערן דעם אמעריקאנער קאנסולאט אין מינכען מיט אפליקאציעס פאר ווי-זעס:

— וויזעס קיין אמעריקא!

א גרויסער טייל פון זיי האבען אין אמעריקא קרובים, וואס ווילען זיי העל-פען, וואס ווילען זיי פון דייטשלאנד ארויסנעמען, וואס שיקען זיי גוטע אמע-ריקאנער אפידייוויטס.

די אפידייוויטס קומען אן, אבער קיין וויזעס קאן מען פארט אויף זיי נישט קריגען, צו קריגען א וויזע—מוז מען איבערצייגען דעם קאנסול, אז מען האט געלד אין אמעריקא. איז דאס אבער געגען די דייטשע דעוויזען-גע-זעצען. יעדער דייטשער יוד מוז זיין געלד אין אויסלאנד,—אויב ער האט אזא געלד—מעלדען ביי דער דייטשער רייכסבאנק.

קומען די יודען אין אמעריקאנער קאנסולאט און שטעהען דארטען אב שטונדען און געהען אוועק צוריק האפ-נונגסלאז און מיט ליידיגען.

— שווער זיך ארויסצורייסען אין א לייטיש לאנד!

צום אמעריקאנער קאנסול האבען זיי, פערשטענדליך, קיין טענות נישט, טענות האבען זיי צו זיך אליין:

— פארוואס זענען מיר נישט אוועק-געפאהרען פון דייטשלאנד, ווען ס'איז נאך נישט געווען צו שפעט, פארוואס האבען מיר געווארט אזוי לאנג.

זיי קומען צוריק אין זייערע היימען, הויבען אן אויסצורעכנען וויפיעל ס'איז זיי נאך געבליבען געלד פון די „ליק-ווידירטע" געשעפטען און ווי לאנג קא-נען זיי נאך לעבען אויף דעם דאזיגען געלד אין דייטשלאנד, אויב מען וועט זיי פון דאנען נישט ארויסלאזען.

דער גרויסער שרעק זייערער איז:

— וואס וועט זיין, אז דאס געלד וועט זיך אויסלאזען? וואס וועט זיין, אז מיר וועלען שוין אויפעסען אונזערע לעצטע עטליכע מארק?...

געטריבען פון דעם דאזיגען שרעק, פרובען מאנכע פון זיי פערשידענע מיטלען צו קריגען א וויזע אין אן אנ-דער לאנד, אויסער אמעריקא—אין לענ-דער, וואו זיי גלויבען, אז זיי וועלען זיך קאנען ווידער איינארדנען אויף א נארמאל לעבען.

מאנכע פון זיי, נישט קריגענדיג קיין וויזעס פאר אנדערע לענדער, לא-זען זיך אין איטאליע. קיין איטאליע ערלויבט די דייטשע רעגירונג יא ארויסצופיהרען יודישען קאפיטאל. און כאטש איטאליע איז נישט אזא אידעאל לאנד פאר יודישע איינוואנדערונג, קאן מען אבער אהין דאס געלד ארויסנעמען דורך דער דייטשער רייכסבאנק אהן שום שוועריגקייטען.

אבער איטאליע איז איצט נישט קיין לאנד פאר גייע מענשען. אבגערעדט שוין פון די קריגס-נאכווייהעגישען מיט אביסיניע, איז איטאליע איצט אויף גרויסע צרות מיט איהר געלד, די לירע האט קוים די ווערט א העלפט פון איהר פרייז. קיין געשעפטען לאזען זיך אין איטאליע נישט מאכען, דאס געלד ארויספיהרען פון איטאליע אין אן אנ-דער לאנד טאר מען איצט אויך נישט.

— און וואוהין ראטעוועט מען זיך?

שטעהען די דאזיגע יודען, וואס הא-בען נאך עטוואס פארמעגען, און שטע-לען זיך די דאזיגע פראגע און בעטען זיך רחמים, מען זאל זיי פון דייטש-לאנד ארויסנעמען—ארויסנעמען אין א לאנד, וואו זיי זאלען קאנען צוריק צו זייערע אייגענע כוחות.

ווי איינער וואס כאפט זיך אן אין א שטרוי ווען ער טרינקט זיך, אזוי כאפען זיי זיך אן אין יעדען בריעף וואס קומט אן פון אמעריקא, פון פא-לעסטינא, פון בראזיליע, פון ארגענ-טינא און פון זיד-אפריקא און זענען מקנא יענע גליקליכע, וואס האבען שוין בעוויזען אהין, אין די דאזיגע לענדער, זיך ארויסצורייסען.

ווען וועלען מיר שוין געהאלפען ווע-רען?—פרעגען זיי זיך איינער דעם אנ-דערן,—ווען וועט די ישועה קומען אויך פאר אונז?

אין מאנהיים און אין א האנאווער—צוויי גרויסע שטעדט מיט א פערמעג-ליכער יודישער בעפעלקערונג—איז די לאגע נאך ערגער, דארט ווערען איצט די יודען געטריבען צו נויט, כאטש זיי זענען מעהרסטענטייל פון דעם פערמעגליכען קלאס.

אין מאנהיים און אין האנאווער צווינגט מען נישט די יודען איינפאך צו פערקויפען זייערע געשעפטען צו אריער, נאר מען נעמט די געשעפטען פשוט ביי זיי אוועק. און נישט נאר די געשעפטען נאר אויך זייערע הייזער, זייער גאנץ אייגענטום.

דער טריק, וואס די נאציס בענוצען פאר דעם דאזיגען צוועק, איז א גאנץ איינפאכער:

אין א שעהנעם פריהמארגען לאזען די ארטיגע בענק וויסען די יודישע געשעפטס-לייט, אז זייערע קרעדיטען אין די בענק זענען אבגעשטעלט. אין דעמזעלבען פריהמארגען קריגען די זעלבע יודען פון זייערע קרעדיטארען א אויפפאדערונג, אז זיי זאלען בעסער זאפארט אבצאהלען אלע זייערע שול-דען, ווייל „יודען זענען מעהר נישט פארלעסליך אלס אנ'עקאנאמישער עלע-מענט". די שטייער בעאמטע—זיי שוויי-גען אויך נישט און זוכען אויס אלטע פערעלטערטע שטייערען זאפארט צו בעצאהלען.

אהן קרעדיטען און מיט אזויפיעל צודרינגליכע מאהנונגען, ווערען די יודישע געשעפטסלייט געשטעלט פאר א לאגע, אז זיי ווערען ערקלערט פאר באנקראט, און זייער גאנץ האב און גוטס ווערט מיטאמאל פערקויפט אויף אנ'„אוקציאן" פאר קליינגעלד — און בלויז צו אריער.

אזוי ארום געהט יודיש פערמעגען אריבער אין די דאזיגע שטעדט אין ארישע הענד און אזוי ארום ווערען יודישע פערמעגליכע מענשען אין פיער און צוואנציג שטונדען פערוואנדעלט, אין ארימעלייט.

דער גרעסטער טייל פון די דאזיגע יודען זענען שוין עלטערע מענשען. זיי זענען נישט קיין עלעמענט פאר אויס-וואנדערונג. זיי קאנען שוין קיין נייע לעבען נישט אנהויבען ערגעץ-וואו אין א פרעמד לאנד.

זענען די דאזיגע רואינירטע יודישע פאמיליעס דערפאר א זעהר גרויס פראבלעם פאר די יודישע צדקה-אינ-סטיטוציעס—א פראבלעם וואס ווערט פון וואך צו וואך אלץ שארפער און שארפער.

אין מאנהיים איז די לאגע עטוואס לייכטער, ווייל צופעליג האבען זעהר א גרויסע צאהל יודען אין מאנהיים נאהענטע משפחה פערבינדונגען מיט יודען אין אמעריקא.

די אויסוואנדערונג פון מאנהיים אין די פעראייניגטע שטאטען איז דערפאר פיליכט די גרעסטע, ווי פון אירגענד וועלכע שטאדט אין דייטשלאנד.

נאהענטע קרובים אין אמעריקא קא-נען ארויסנעמען זייערע משפחה-לייט פון דייטשלאנד, אפילו ווען די קרובים אין דייטשלאנד האבען נישט גענוג געלד. די הויפט-זאך איז, אז די קרובים אין אמעריקא זאלען זיין פארמעגליך. די הויפט-זאך, אז זייערע אפידייוויטס זאלען ווייזען, אז זיי האבען גוטע קאנטעס אין די אמעריקאנער בענק און אז די אנגעקומענע קרובים פון דייטש-לאנד וועלען נישט פאלען צו לאסט אויף דער אמעריקאנער בעפעלקערונג.

ב. ג—ן.

פדיון-שבויים

פון מ. בן-אליעזר

אמאליגע יאהרען האט יעדע שטאדט פערמאגט א גרויסען יודען, מיט וועל-כען זי האט געקלינגען און איז שטאלץ געווען.

דא איז געזעסען אויף רבנות א גרוי-סער גאון, וואס האט גע'שם'ט אין דער וועלט, און די קהלה האט געמוזט הי-טען, מען זאל חלילה נישט אויסכאפען איהר רב ערגיץ אין א גרעסערער שטאדט. אזעלכע זאכען פלעגען דאמאלס טרעפען גאנץ אפט.

דארטען האט געוואוינט א גרויסער גביר, וואס האט געפיהרט גרויסע גע-שעפטען, און ארום איהם האבען גע-האט פרנסה האלב-שטעדטיל. און אלע פלעגען גאט בעטען, דער גביר זאל נישט אריבער אין דער גרויסער שטאדט ווארום גבירים ציהט צו כדכים...

הכלל, יעדע שטאדט האט געהאט איהר אוצר. אונזער שטעדטיל האט פערמאגט איהר אייגענעם — רבי מאר'ל.

רבי מאר'ל איז נישט געווען קיין גרויסער למדן (א בן תורה איז ער יא געווען). און אין שטעדטיל זענען גע-ווען פיל גרעסערע לומדים ווי ער; קיין גרויסער עושר איז ער אויך נישט גע-ווען (הגם ער האט געפיהרט גרויסע געשעפטען), און אין שטעדטיל זענען געווען גרעסערע גבירים פון איהם, דאך האבען אלע איהם אבגעגעבען דעם גרעסטען כבוד.

ווער עס האט נישט געזעהן ר' מאיר'ל, דער האט אין זיין לעבען נישט געזעהן קיין הדרת פנים. דאס איז גע-ווען א רייכער, שעהנער יוד, מיט א ליכטיגען פנים, מיט א ברייטער פער-קעמטער בארד, און אויף זיינע בגדים איז קיין שפרינקעלע נישט געווען. אזוי זעהט אויס א יוד יום טוב, ווען ער ווארפט אראב פון זיך די וואכעדיגקייט. רעדען האט ער גערעדט געצעהלטע ווערטער. געוואויגען און געמאסטען, א רענדעל א ווארט, און מיט מענשען איז ער זיך בעגאנגען ווי איינער, וואס איז געוואוינט, אז אלע זאלען איהם פאל-גען. ווען אזא רבי מאיר'ל וואוינט א שטייגער אין דער קרוין-שטאדט, וואלט ער געווארען א פרנס און וואלט אנגע-קומען צום קייזער. ווער איז אבער שולדיג, אז ער איז פערווארפען געווא-רען אין א קליין שטעדטיל, האט ער לטובת יודען זיך משתדל געווען פאר דעם פריסטאוו'ס גזרות.

אין יענע צייטען האט זיך אלץ גע-ווענדעט אן פריסטאוו. האט א שטעד-טיל געהאט א גוטען פריסטאוו — איז געווען אזוי גוט און וואויל צו דעם. ווען אבער חלילה דער פריסטאוו איז געווען א רשע, א צורר היהודים, דאן האט מען געפיהלט דעם אמת'ן טעם פון גלות.

און אונזער רבי מאיר'ל איז געווען א גרויסער בריה אויסצוקומען מיט'ן פריסטאוו. נישט נאר יודען האבען פאר איהם, פאר רבי מאיר'לען, געהאט דרך ארץ, נאר אפילו גוים, להבדיל, האבען פון איהם געהאלטען.

די אלע ארומיגע שטעדטלעך פלעגען זאגען: „אז מען האט אזא פעסטע וואנט ווי רבי מאיר'ל קאן מען לעבען רוהיג". און אונזער שטעדטיל האט טאקי געוואוסט ווי דאס אבצושאצען.

מאכט זיך אמאל א מעשה, אז די קצבים זענען שבת אין אלטען בית-המדרש מעכב הקריאה. עפיס האבען זיי געהאט א סכסוך מיט'ן בעל-טאקסע, און ווי דער מנהג איז, האבען זיי גע-מאכט א טומעל אין בית מדרש, שרייט מען, פילדערט מען, איינער הערט נישט דעם אנדערן, אלע קאכען זיך, אלע טריי'ען „שא", און עס איז א מהומה.

אויפ'ן סוף הערען זיך קולות:

„לאזער הערען, וואס רבי מאיר'ל וועט זאגען".

אלע קצבים האבען זיך א לאז גע-טוהן צו מזרח און זענען געשטאנען און געווארט צו הערען א ווארט פון רבי מאיר'ל'ס מויל.

הויבט ער אזוי אויף די אויגען פון „חומש", וואס איז געלעגען אויף זיין שטענדער. און גיט א פרעג, ווי זיין שטייגער איז, אין קורצען:

„איהר פערלאזט זיך אויף מיר?"

ענטפערן אלע:

„יא, יא".

הערט אויס רבי מאיר'ל די טענות פון ביידע צדדים, פערטראכט זיך א ווייל, דערנאך רעדט ער ארויס פון מויל דעם פסק-דין.

אלע קצבים זענען שוין געווען גרייט נאכצוגעבען. כאפט זיך ארויס איינער א יונגער קצב, א שנעק, שמערקע האט ער געהייסען, און גיט א געשריי:

„פוסטע זאכען, וואס פאר א דעה האט ער אויף מיר?"

איז ער נישט יוצא, מאכט ער:

„זאל ער מיר...

ווי ער האט דאס אויסגערעדט, אז רבי מאיר'ל גיט זיך א הויב אויף און לאזט איהם אראב צוויי פעטש...

יענער האט זיך א לאז געטהון צו רבי מאיר'לען, נאר די קצבים האבען איהם איינגעהאלטען און ארויסגעשטופט פון בית-מדרש.

א גאנצען שבת האט מען נישט אויפ-געהערט צו רעדען פון דער מעשה. אלע האבען געגעבען גערעכט ר' מאירל'ען, ווייל אזא חוצפה איז אויף דער וועלט נישט געהערט געווארען.

נאר נאך שבת, ווען עס האט זיך אנגעהויבען די וואך מיט די דאגות ביי יעדערען, האט מען אויפגעהערט צו רעדען וועגען דעם, און ביסלעכווייז האט מען פערגעסען די גאנצע מעשה.

אזוי זענען אריבער עטליכע חדשים און קיינער האט דאס שוין אין זינען נישט געהאט. ערשט פלוצלונג — דאס איז געווען ארום שבועות-צייט — רופט מען רבי מאיר'לען צום פריסטאוו, און יענער ווייזט איהם א „פריקאז" פון גובערנאטאר צו דאסטאווען תיכף-ומיד דעם יודען מייער יודעלעוו גורעוויטש

וואס געהערט, וואס געזעהן.

בין כסה לעשור.

די טעג צווישען ראש-השנה און יום-כפור רופען זיך כסה לעשור — דאס זענען טעג פון חרטה און תשובה אויף די בעגאנגענע חטאים, וואס ווערען אבגעטהון אין משך פון גאנצען יאהר.

די דאזיגע תשובה בעשטעהט אין דעם, וואס יודען פערזאמלען זיך אין משך פון די צוויי טאג ראש השנה און יום כפור אין די שוהלען און אין די מנינים, וואו מען דאווענט און מען בעט; אלע געוועלבער, וועלכע זענען אפען אפילו אין די שבתים פון א גאנץ יאהר, ווערען אויף די ימים נוראים פערמאכט. א פיש אין וואסער ציטערט דאמאלס און א ציטערניש פאר'ן יום-הדין כאפט אן די מענשהייט.

ווי אזוי אין די דאזיגע טעג האט אויסגעזעהן ביי אונזערע יודען — הא-בען מיר פערצייכענט אין אונזער „וואס געהערט און געזעהן".

צוליעב א שפאניש ווענטיל...

היי-יאהר האט די שטאדט-שוהל לכבוד דעם ניי-אנגאזשירטען חזן אויך אנגאזשירט א פערגרעסערטען כאר מיט א דירעגענט, וועלכער האט איינשטו-דירט א יודישען און אויך א קלאסישען רעפערטואר.

נאך פאר די ימים-נוראים, ווען ס'איז אויסגעקומען דעם כאר צו זינגען אין דער שוהל, האבען זיך די כאריסטען בעהאלטען אויף דער גאלעריע פון דער ווייבער-שוהל „מעשה אינטעליגענטיש" און פון דארט האבען זיי אראבגעזינ-גען. זיי האבען אויך געוואלט אין די ימים-טובים זיך געפונען אין דער הויך, היות אבער דאס איז געווען אונמעגליך, מהמת די ווייבער אין די עזרת נשים וואלטען געהאט אנ'עולה, האט דער כאר געמוזט מסכים זיין צו זיצען היני-טען אין דער מענער-שוהל. זיי האבען נאר פערלאנגט אז מען זאל מאכען א שפאניש ווענטיל, כדי מען זאל זיי נישט ארויסזעהען, אנדערש — האבען זיי געדראהט — וועט די שוהל בליי-בען יום-טוב אהן א כאר.

לכתחילה האבען זיך די גבאים דער-שראקען. אט האבען זיי איינגעלייגט וועלטען, אז אין דער שוהל זאל זיין א שענער כאר און אין דער לעצטער מינוט קען צוליב א שפאניש ווענטיל אלץ אומגעשיט ווערען. לאין ברירה האבען זיי אויפגעשטעלט א שפאניש ווענטיל, אבער ווי נאר די שוהל-מתפללים האבען דערזעהען די דאזיגע מחיצה, האט זיך געמאכט א ויצעקו הנשמע כזאת?! — און דערנאך האבען זיך גאר אנגעהויבען שיטען וויצען אויפ'ן חשבון פון דער שפאנישער וואנט. קורץ, ס'האט געדראהט, אז ס'זאל אויסברעכען א רעוואלוציע אלא שפאניען...

די גבאים, זעהענדיג, אז עס שמעקט מיט רעוואלוציע האבען זיי די שפאני-שע וואנט בעזייטיגט און די כאריסטען איינגענומען מיט גוטען, ביז זיי זענען מרוצה געווארען צו זינגען אהן א מחיצה.

דער שוהל-עולם האט פרייער אבגע-אטעמט, ווייל ס'איז אויסגעמיטען גע-ווארען א רעוואלוציע, און דאס אלץ צוליב א שפאניש ווענטיל...

אויסגעצייכענט.

אין דער שטאדט שוהל איז געווען ראש השנה איבערפולט פון מתפללים. דער ניי-אנגאזשירטער חזן ה' כאלעווא האט די פיינע וואונדערבארע שטימע און ער האט געזונגען אויף דער העכ-סטער אקטאווע, געזאגט זעהר שעהן מלכיות זכרונות ושופרות, אזוי אז דער עולם איז געווען בעגייסטערט. א נייעס איז געווען אין דער שטאדט-שוהל צו האבען אזא צוזאמענגעשטעלטען ערשט-קלאסיגען כאר, וועלכער האט געזינגען זעהר שעהן סיי יודישע סיי קלאסישע קאמפאזיציעס. אויסגעצייכענט האט זיך דער דירעגענט ה' יצחק ריכטער, וועל-כער האט אנגעפיהרט מיט'ן כאר זיכער און מיט פערשטענדניש.

אלטע מתפללים פון דער שטאדט-שוהל, וועלכע זאגען שוין דארט עטליכע צענדלינג יאהר, האבען דער-צעהלט, אז אזעלכעס האבען זיי דארט נאך נישט געהערט.

געפונען די ריכטיגע צייט...

ווי מען גיט אונז איבער, האט מען אויף א הויף אין דער ערשטער אלעע נומער 11 אויסגעקלאפט דיוואנעס פון א יודישער שטוב דווקא אין ערשטען טאג ראש-השנה.

מיר ווילען קיינעם נישט זאגען קיין מוסר, ווייל יעדער איז פעראנטווארט-ליך פאר זיינע מעשים און קיינער האט נישט קיין רעכט זיך אריינצומישען אין יענעמ'ס פריוואטען לעבען. גאר אויב מיר שרייבען יא א פאר ווערטער ווע-גען דעם ענין, איז עס דערפאר, ווייל אויף דעמזעלבען הויף וואוינען אויך קריסטען און אט די לעצטע, וויסענדיג וואס פאר א יום טוב ראש השנה איז ביי יודען, האבען זיי הויך אויס'ן קול געמורמעלט: אט, זעהט, ווי אזוי יודען זעלבסט פערשוועכען זייערע הייליגע ימים טובים, טא וואס פאר א פרע-טענסיע האבען זיי צו אונז, ווען מיר הויבען אמאל אן מיט זייערע רעליגיע-זע געפיהלען.

אוודאי האט דער דאזיגער טהאט ארויסגערופען אנ'אויפרעגונג ביי די יודען פון דערמאנטען הויף, וועלכע האבען געטענה'ט, אז ביי זיך אין שטוב קען יעדער טהון וואס ער וויל, נאר אויפ'ן הויף בפרהסיא, איז עס נישט געווען אין דער ריכטיגער צייט...

עס האט געפעהלט התלהבות...

שוין א פאר יאהר כסדר בעזוך איך ראש השנה די חסידים פון זשאריקער רבי'ן, וועלכע אהיימגעהענדיג פון „תשליך" זינגען זעהר שענע נגינים און טאנצען אויפ'ן הויף.

היי יאהר זענען די זעלבע חסידים אויך געווען ביי „תשליך" און שפעטער געטאנצט, נאר עס האט געפעהלט התלהבות. זיי האבען געזונגען און גע-טאנצט אזוי פון יוצא וועגען, די חסי-דימ'ס אויגען האבען נישט געפינקעלט ווי אלע מאל, נאר אנ'אומעט האט פון זיי ארויסגעקוקט. אויך דאס טאנצען האט נישט לאנג געדויערט, ס'איז אי-בערגעריסען געווארען אינמיטען. מיט

אין דער גובערניע א. א. וו.

קלאר, אז דאס איז פשוט א מסירה, און דער מוסר איז שמערקע דער קצב ווער דען, אז נישט ערז

הכלל, מוצאי יום טוב האט דער פריסטאוו אליין אבגעפיהרט רבי מאיר'לען אין אויעזד צום איספראווניק און יענער איז מיט איהם געפאהרען אין דער גובערניע.

בקיצור, זעקס חדשים איז רבי מאירל אבגעזעסען אין דער גובערניע. ביי א חודש איז ער געזעסען אין טורמע. נאכדעם האבען זיך אנגעהויבען די געהענישען פון איין קאנצעלאריע אין דער צווייטער, פון איין טשינאווניק צום צווייטען, פון איין ארט צום צווייטען ארט. עס האט אבגעקאסט א מטמון מיט געלד (יענע יאהרען האט מען דאך געמוזט „שמירען" אויף שריט און טריט). היינט די צרות מיט די בזיונות וואס ער איז נעבעך אויסגעשטאנען. האבענדיג צו טהון מיט די טשינאווניקעס, די צוררי היהודים. היינט דאס זיצען אין טורמע צוזאמען מיט גנבים און גזלנים.

נאר סוף כל סוף איז ער ארויס ריין, מען האט אויף איהם גאר נישט געפונען.

אז ער איז געקומען צוריק אהיים, איז ער געווען א פערביטענער. ער איז מיט אמאל אלט געווארען, געווארען איינגעבויגען, אויפגעהערט צו זיין פרעהליך, די אויגען איינגעפאלען, דאס פנים פערוואלקענט. יא, יא, צרות צוברעכען דעם מענשען אי זיין גוף אי זיין נשמה.

דעם ערשטען שבת האט מען רבי מאיר'לען אויפגערופען צו דער תורה, האט ער געבענשט גומל, און נאכ'ן דאווענען האט ער פעררופען צו זיך אלע קרובים און די נכבדים פון שטאדט אויף „קידוש", ווי דער מנהג איז ביי א שמחה.

ביי רבי מאיר'לען אין שטוב איז געווען נעגרייט דער טיש מיט בראנפען און מיט פערבייסען, און די געסט זענען געזעסען און געטרונקען „לחיים" און געווינשען דעם בעל הבית כל-ערליי ברכות.

געהמט דער רב דאס גלעזיל, הויבט אויף און זאגט:

„לחיים רבי מאיר, דער בורא זאל אייך געבען געזונד און כח אויף ווייטער צו זיין שתדלן פאר יודען".

„ער כן!" כאפט זיך ארויס די בעל הבית'טע, רבי מאיר'ס ווייב, וועלכע איז דערביי געזעסען.

„נישקשה", רופט זיך אב דער רב מיט א שמייכעלע, „רבי מאיר'לעס ווייב וועט נישט זיין אזא שלעכטע צו שטערען איהר מאן זיך עוסק צו זיין אין אזא גרויסער מצוה".

„זאלען זיך אנדערע יודען עוסק זיין אין קהלה'שע זאכען – האט דאס ווייב געענטפערט מיט רוגזה – מיין מאן האט שוין זיינס אבגעטהון און בעקומען גוט בעצאהלט... גענוג פאר מיר... מעהר וויל איך נישט"...

איך דארף אייך דערביי דערצעהלען, אז דער דאזיגער רבי מאיר'ל, וועלכען אלע האבען געפאלגט, מיט וועלכען אלע פלעגען זיך האלטען אנ'עצה, האט קיין זאך נישט געטהון, סיי אין מסחר, סיי אין קהלה'שע ענינים, ער זאל נישט פריהער דורכרעדען זיך מיט זיין ווייב. ערשטענס, איז זי טאקע געווען א פקחות, א מאנסבילשער קאפ, און צווייטענס, איז זי געווען פון גרויסען יחוס. א סברא, אז זי האט געשטאמט פון ווילנער גאון. אין יענע יאהרען האט דאס געהאט פיעל צו זאגען.

קיצור המעשה, עס איז נישט אוועק קיין לאנגע צייט, מאכט זיך, אז שמערקע דער קצב איז ארייננעפאלען עפיס פאר א מיאוס'ע מעשה, א גנבה, דוכט זיך, איך געדענק שוין נישט אויף קלאר, און מען האט איהם פערזעצט אין אסטראג, קומט דאך זיין מאמע און זיין ווייב צו לויפען צו רבי מאיר'לען בעטען, ער זאל געהן צום פריסטאוו. האט זיי רבי מאיר'לעס ווייב גוט אויסגעזידעלט און דורכגעטריבען.

ראש השנה, צום עסען, זענען די צווי ווייבער ווידער געקומען צו רבי מאיר'לען, גענומען וויינען ער זאל רחמנות האבען, ווייל שמערקע איז זייער גאנצער ברויט געבער.

„וואס קען איך טהון? – האט זיך רבי מאיר'ל פערענטפערט – דאס מאל וועט דאך דער פריסטאוו מיך נישט פאלגען... ער איז מלא חמה אויף דעם מסור"...

נאר די ווייבער האבען נישט אויפגעהערט צו גיסען מיט טרעהרען און בעטען זיך, ביז דער רבי מאיר'ל האט רחמנות געקריגען און שוין געוואלט געהן. דא האט זיך געשטעלט דאס ווייב און בצואגט:

„דאס נישט!"

מעהר האט מען נישט געדארפט. די צווי פערוויינטע ווייבער זענען ארויס פון שטוב מיט איינגעבויגענע קעפ.

נאר ערב יום כפור צו דער סעודה-המפסקת, איז שמערקעס מוטער אריינגעפאלען צו ר' מאיר'לען אין שטוב מיט א געוויין און א געשריי.

„איך ווייס, אז מיין זוהן האט זיך פאר אייך שטארק פערזינדיגט. נאר מיר אלע זענען דאך זינדיג פאר דעם, וואס אין הימעל, פונדעסטוועגען קומען מיר מארגען איהם בעטען, ער זאל אונז מוחל זיין".

רבי מאיר'לס ווייב האט אויף דעם גאר נישט געענטפערט. זי איז געזעסען און געשוויגען. רבי מאיר'ל האט א וואונק געטהון צו דער יודענע, זי זאל ארויסגעהן, און ער איז ארויס גלייך נאך איהר.

– – – – – – – – –

מען האט שוין געהאלטען ביי „כל נדרי" און רבי מאיר'ל איז נאך אין שוהל נישט געווען. אנפאנגס האט מען געמיינט, אז ער איז חס ושלום נישט געזונד, אבער בייטאג האט מען איהם געזעהן אין גאס. נאך גרעסער איז געווען דאס וואונדער, אז מען האט שוין אבגעזאגט „כל נדרי" און רבי מאיר'ל איז נאך אלץ נישטא... ער איז געקומען ערשט צו שמונה עשרה. וואו האט ער געקאנט זיין?

ערשט אויף מארגען, אז שמערקע דער קצב איז געקומען דאווענען צום „מנין", האבען אלע פערשטאנען, אז רבי מאיר'ל איז געווען צו „כל נדרי" ביים פריסטאוו צוליב דער מצוה פון „פדיון-שבויים".

היסטארישע פאקטען אין די תפלות פון יום-כפור

פון י. שפירא

די תפלות פון יום כפור זענען בכלל די געזאכטעסטע תפלות, מעהר ווי די תפלות פון אנדערע ימים טובים זענען זיי דורכגעדרונגען מיט נאציאנאלען געפיהל, עס פלאטערען אין זיי די יודישע נשמות. און זאנגעדיג זיי, דוכט זיך, ווי די גייסטער פון די פארצייטיגע מארטירער וואלטען געשטאנען הינטער אונז און דערצעהלט די גרויסע ליידענס-געשיכטע פון אונזער פאלק. צווישען די יום כפור'דיגע תפלות איז כל נדרי די אנגעזעהענסטע, זי דינט אלס התחלה צו די איבעריגע תפלות און פיוטים, די חשיבות פון דער דאזיגער תפלה לויט ווי היסטאריקער בעהויפטען, בעשטעהט אין דעם וואס אין קורצען כרוז זענען פעראהן די ווערטער, אז די געמיינדע איז היינט ערלויבט צו דאווענען מיט די עבריינים (דאס הייסט מיט אזעלכע יודען, וועלכע האבען עובר געווען אויף די עיקרים פון גלויבען), מיט „עבריינים" מיינט מען דא די „אנוסים", וועלכע זענען געווען געצוואונגען מיט געוואלד אבצוזאגען זיך פון דער יודישער אמונה. די דאזיגע אנוסים פלעגט מען, ווי בעקאנט, צווינגען צו שווערען, אז זיי פערלייקענען מיט זייער גוטען ווילען די יודישע אמונה, און זענען געטרייע פרומע קריסטען. אבער נישט קוקענדיג אויף דער דאזיגער שבועה פלעגען זיי בלייבען יודען און פלעגען אלע יום-כפור, אין בעהעלטעניש, זוכען א געלעגענהייט מתפלל צו זיין בציבור אין שוהל. צוזאמען מיט דער גאנצער יודישער קהלה.

די דאזיגע אינטערעסאנטע תפלה, וועלכע האט אזא בעדייטענדע היסטארישע חשיבות, האט אבער פערשאפט די לעצטע הונדערט יאהר זעהר גרויסע צרות און דערנידערונגען, די אנטיסעמיטישע עלעמענטען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג האבען אומעטום אנגעוויזען אויף כל נדרי, ווי אויף א בעוויז, אז יודען זענען טרולאז נישט נאר אויפ'ן ווארט נאר אפילו אויך נישט אויף א שבועה, און מען קאן זיך פערשטעלען, ווי אזוינע פערלוימדונגען האבען געווירקט אויפ'ן יודישען האנדעל. פיעל ריכטער אין פערשידענע מקומות פלעגען גארנישט צולאזען א יודען צו א שבועה אין געריכט, ווארום נאך זייער פאלשער מיינונג נאך איז דאס געווען פולקאם נוצלאז, אזוי לאנג ווי עס עקזיסטירט דער מנהג פון כל נדרי. און אין יענע געריכטען וואו יודען פלעגען יא מעגען שווערען פלעגט פאר זיי זיין א בעזונדערע יודישע פארמולע. אין וועלכער עס פלעגט זיין דערמאנט, אז כל נדרי בעפרייט זיי נישט פון דער דאזיגער שבועה.

נאך גרעסערע צרות ווי אין אנדערע מקומות האבען די יודען געליטען צוליב דעם מנהג פון כל נדרי אין רוסלאנד, אט זענען עטליכע פאקטען וואס זענען פערצייכענט אין דער יודישער געשיכטע:

אין יאהר 1799 האבען זיך די יודען פון קורלאנד געווענדעט מיט א בקשה צום מיניסטעריום פון אינערן מען זאל זיי אנערקענען אלס רוסישע בירגער. דער מיניסטער האט אבגעזאגט זייער בקשה אויפ'ן גרונד פון „כל נדרי". וואס בעוויזט קלאר, אז די קריסטליכע בעפעלקערונג קאן קיין צוטרוי נישט האבען צו יודען. צום גליק אבער איז אין יענער צייט געווען אין רוסלאנד א יוע'ן פריינדליכער גובערנאטאר, באראן העניניג, ער האט זיך געווענדעט צום מיניסטעריום מיט א אפיציעל פאפיר אין וועלכען ער האט אויפגעוויזען מיט ראיות, אז אין כל נדרי שטעקט נישט קיין געפאהר פאר רוסלאנד, און נאר א דאנק זיין גרויסען איינפלוס אין די רעגירונגס-קרייזען, איז די יודישע בקשה ערפולט געווארען.

אין צוועלף יאהר ארום אין יאהר 1811, האט דער רוסישער סענאט אויפסניי דעבאטירט וועגען דער פראגע, אויב יודען קאנען צוגעלאזען ווערען צו א שבועה, אין געריכט, דער אויבענדערמאנטער באראן איז צו יענער צייט שוין געווען א סענאטאר, און איהם איז ווידער אמאל אויסגעקומען צו פערטיידיגען די יודישע אינטערעסען. צווישען זיינע אנדערע ארגומענטען לטובת די יודען, האט ער אנגעוויזען, או אויך די קאטוילישע קירכע בעפרייט די קריסטען פון לייכטזיניגע נדרים. אבער דאך האט אפילו דער דאזיגער „אוהב ישראל" פארגעלייגט, אז די יודישע רבנים זאלען מאכען א ערקלערונג צו כל נדרי. און אויב די ערקלערונג וועט נישט זיין צופרידענשטעלענדיג זאלען זיי מבטל זיין די דאזיגע תפלה צוליב דער מלחמה וואס איז אויסגעבראכען אין יאהר 1812 קעגען נאפאלעאנען, איז זיין פארשלאג אבגעווארפען געווארען פון דער רוסישער רעגירונג. נאר אויב דעם באראנס פארשלאג האט נישט געפונען קיין שום אבקלאנג אין רוסלאנד האבען אבער די דייטשע ראבינער זיך פעראינטערעסירט מיט'ן דאזיגען פארשלאג. זיי האבען צונויפגערופען א קאנפערענץ, וואו זיי האבען בעשלאסען אנצווענדען אלע מיטלען כדי אבצושאפען דעם מנהג פון כל נדרי, זיי איז אבער נישט געלונגען דורכצופיהרען דעם דאזיגען בעשלוס און ביז'ן היינטיגען טאג קלינגט די דאזיגע וואונדערשעהנע תפלה מיט איהר זיסער מעלאדיע בכל תפוצות הגולה, וואו נאר א יודישע קהלה געפונט זיך.

• • •

א תפלה אויף וועלכער יודען פערגיסען יום כפור אין די שוהלען נישט איין טרעהר, איז דער פיוט „כתר מלכות", פערפאסט פון גרויסען משורר ר' שלמה בן גבירול. די לעגענדע דערצעהלט, אז דורך דער דאזיגער תפלה זיינער איז בן גבירול געשטארבען פאר דער צייט, ווארום גלייך ווי די תפלה איז פאפולער געווארען האט זיך איינער פון די דעמאלסדיגע אראבישע דיכטער מתקנא געווען אין איהם. און דערפאר, וואס ער איז אזוי צווישען אלעמען בעליובט געווארען האט ער זיך איינמאל, בעת ר' שלמה בן גבירול איז געגאנגען פערטראכט אין זיינע רעיונות, אונטערגע'גנב'עט הינטער איהם און איהם דערשטאכען מיט א שווערד אויף טויט.

נאכ'ן דער'הרג'ענען ר' שלמה בן גבירול האט דער אראבישער דיכטער אויסגעגראבען א קבר אונטער א פייגענבוים און איהם בעגראבען.

פון דאן אן האט דער פייגענבוים אנגעהויבען הערליך צו בליהען און האט ארויסגעגעבען די פרעכטיגסטע פרוכטען.

ווער עס האט אנגעקוקט דעם דאזיגען פייגענבוים האט זיך געוואונדערט און נישט געקאנט פערשטעהן וואס דא איז געשעהן, און מען האט אומעטום גערעדט וועגען דעם וואונדער.

נאך פיעל דראהונגען האט זיך דער מערדער מודה געווען. און ווען מען האט אויפגעגראבען דעם קבר, האט מען ווירקליך דארטען געזעהן ליגען דעם טויטען קערפער פונ'ם בעריהמטען דיכטער ר' שלמה בן גבירול!

פערשטעהט זיך, אז דער רוצח איז בעשטראפט געווארען מיט'ן טויט. און דער קערפער פון דעם דיכטער איז מיט גרויס כבוד געבראכט געווארען צו קבורה.

איין ווארט – עס איז נישט דאס, וואס אלע מאל – ס'האט געפעהלט התלהבות.

זיי ווארפען זייערע זינד אין וואסער אריין...

ביי „תשליך" איז היי-יאהר געווען א קנאפערער עולם ווי אלע יאהר, פונדעסטוועגען קאן מען זיך נישט בעקלאגען – קיין מנין האט חס ושלום נישט אויסגעפעהלט.

כאראקטעריסטיש איז אבער דאס, וואס צו „תשליך" קומען פעהרסטענס ארימע יודען. זיי וויינען זיך גיט אויס ביים וואסער און שאקלען אויס די קעשענעס אלס סימבאל פון ארייגווארפען אלע אבגעטהוענע חטאים אין וואסער אריין. דאגעגען די רייכע קומען אינגאנצען נישט צו „תשליך" און במילא ווארפען זיי גארנישט אריין.

מיין בעגלייטער האט דערביי ארויסגעזאגט א פילאזאפישען געדאנק: זעהט, זאגט ער, ביים וואסער שטעהען בלויז ארימע יודען, וויינען און בעטען, מען זאל זיי זייערע חטאים מוחל זיין. וואספערע חטאים האבען זיי, מ'שטייגט געזאגט: אז אין די בעהער זענען זיי נישט געווען, קיין עקספלואטאטארס זענען זיי נישט, בעשטעהט זייער זינד אוודאי נאר אין דעם, וואס זיי מוזען שווער און ביטער ארבייטען אויפ'ן שטיקעל ברויט. און אט דאס, קען זיין, איז טאקי היינטיגע צייטען א גרויסער חטא, ווייל וואס מעהר גזלג'ען, רצחנ'ען אלץ מעהר אנזעהן האט מען. והראיה, די רייכע קומען גארנישט צו קיין „תשליך", ווייל זיי האלטען, אז זיי זינדיגען גארנישט.

– שוטה–זאג איך צו איהם–ס'איז אנדערש... די רייכע טהוען אב פעטע עבירות, וואס קאסטען גראבע געלדער, איז זיי א שאד דאס אוועקצווארפען, דאגעגען די ארימע מ'שטייגס געזאגט, וואס פאר א טעם האבען זייערע זינד, טא וואס וועלען זיי זיך האלטען מיט זיי, ווארפען זיי טאקי די בידנע עבירה'לעך אין וואסער אריין...

זיי האבען בעקומען „פתיחה"...

אלע יודישע געשעפטען זענען אהן אויסנאהם ביידע טעג ראש-השנה געווען פערמאכט. ס'איז קיין וואונדער נישט–ס'איז דאך עפעס דער יום הדין און דעמאלס איז מען מקפיד אויף יעדער קלייניגקייט... מוצאי ראש-השנה איז אבער היי-יאהר אויסגעפאלען פרייטאג-צו-נאכט'ס, טא וואס טהוט מען? קורץ, די יודען, וואס האלטען אפען שבת די געוועלבער, האבען זיך נישט געקאנט קיין עצה געבען, קיינער האט נישט געוואלט זיין דער ערשטער. ענדליך האט דאך געטראפען איינער א דרייסטער, וועלכער האט געמאכט „פתיחה" און אלע האבען זיך שוין געמאכט א היתר און אויך בעקומען „פתיחה"...

נאכווייהענישען.

ווי בעוואוסט איז צווישען דער „אגודה" מיט די פילצער פארגעקומען א העפטיגער קאמף בעת די לעצטע קהלה-וואהלען און היות ווי דאס לעצטע מאל זענען די „פועלי-אגודת-ישראל" געגאנגען צוזאמען מיט דער „אגודה", האט זיך אויך צווישען זייערע רייהען געמאכט א שטיקעל שפאלטונג.

די לייטונג פון דער פא"י פערזיכערט אפילו, אז ביי זיי איז גארנישט געשעהן, אז אלע חברים אויסער איינעם-צוויי, וועלכע מען האט בעזייטיגט פון דער ארגאניזאציע, שטעהען אלע איבעריגע שטאהל און אייזען, פונדעסטוועגען קומען דאך דארט פאר פערשידענע „מיספערשטענדנישען".

אווי, למשל, דערצעהלט מען, אז איין „רעוואלוציאנער" האט פאר יום טוב געכאפט א שטענדער און איהם צובראכען, האט זיך דאך געמאכט א ויצעקו, מען האט געבראכט זאגאר פאליציי און דער סוף איז געווען, אז דער שטענדער איז צובראכען געווארען און מען האט איהם פערברענט אויף אש.

מיט דעם ענדיגט זיך עס אבער נאך נישט. דער עולם קאן זיך נאך אלץ נישט בערוהיגען און מען זעהט פאר ווייטערדיגע קאנסעקווענצען אלס וואהלען-נאכווייהענישען.

זיי זענען טריי זייערע אויפגאבען

אין די פוילישע צייטונגען האבען זיך אין די יום-טוב-טעג בעוויזען אנאנסען פון דער פירמע „עטקער", צו וועלכע ס'האט געדארפט זיין צוגעשריבען, אז דער פערטרעטער פון דער פירמע אויף טשענסטאכאוו איז דער ה' גארימבערסקי. אין „גלאס טשענסטאכאווסקי" איז דער צושריפט יא געווען, דאגעגען אין „גאניעץ" האט דער נאמען פון ה' גארימבערסקי אינגאנצען געפעהלט, מחמת דער דאזיגער פערטרעטער איז א יוד.

די חוצפה פון די אנטיסעמיטען איז אין לשער. זיי פיהרען זייער פערדארבונגס-ארבייט לגבי יודען דרייסט און אפען–זיי זענען טריי זייערע אויפגאבען.

דער אמת'ער שליח-צבור...

וועגען דעם „ערפאלג", וואס דער קצבים צעך האט געהאט ביי די וואהלען, איז דאך אייך שוין בעוואוסט; ויי האבען זיך פעראייניגט מיט'ן 14-טען, וואו מען האט זיי צוגעזאגט א מאנדאט אין דער פערוואלטונג און מען האט דעם צוזאג נישט געקאנט מקיים זיין. אויב דאס איז נאך וועניג, האבען זיי אנגאזשירט אלס שליח צבור אויף די ימים נוראים דעם לינקען שוחט שעכטער, וועלכער האט געדארפט פאר זיי אויסבעטען א גוט יאהר.

דער דאזיגער טורנער, ווי בעוואוסט, שחט אויף טריפה. דאס האט אבער נישט געשטערט, אז די קצבים, וועלכע דארפען זיין אבגעהיטען און הלכות כשרות, זאלען דווקא מאכען פאר זייער פארבעטער א טריפה'נעם שוחט.

דאס היינטיגע יאהר איז פאר די יודישע קצבים נישט געווען קיין מזל'דיגס; מען האט פערבאטען די יודישע שחיטה, זיי זענען אדורכגעפאלען בעת די וואהלען און זענען אויך דורכגעפאלען מיט זייער שליח-צבור.

דער טריפה'נער שוחט האט בעשטימט געבעטען, אז מען זאל די שחיטה אבשאפען, כדי ער זאל קאנען ווייטער פיהרען זיינע לינקע געשעפטען.

וואס שייך צו זאגען–ער איז דער אמת'ער שליח צבור...

איבער א קליינעם „דעפעקט"...

פערגאנגענעם שבת-צו-נאכט'ס האבען געזאלט פארקומען די וואהלען צו דער קהלה-פערוואלטונג.

צו דער דאזיגער זיצונג זענען געקומען איבער הונדערט צושויער. ס'זענען אויך געקומען די ניי-אויסגעוועהלטע פרנסים, וועלכע האבען געזאלט וועהלען די פערוואלטונג.

פריהער איז נאך פארגעקומען די זיצונג פון דער וואהל-קאמיסיע, וועלכע האט בעשטעטיגט די 4 אריינגעטראגענע ליסטעס און זיי געצייכענט מיט נומערען: נומער 1, 2, 3 און 4. זיצט מען אזוי מיט געשפאנטע נערווען און מען ווארט, אז די זיצונג זאל זיך שוין אנהויבען. נאר ווארט אהין, ווארט אהער, די זיצונג ווערט נישט געעפענט. ווייזט זיך ארויס, אז ס'איז געווען אין ארדנונג, נאר אין דער וואהל-מאשין איז אריין א קליינער דעפעקט און די וואהלען זענען אבגעלייגט געווארען.

דעם עולם, וועלכער האט זיך געריכט בייצוואויגען אנ'אינטערעסאנטע אטראקציע, האט נישט געגלוסט אוועקצוגעהן. זיי האבען אבער קיין ברירה נישט געהאט – די וואהלען זענען נישט פארגעקומען און דאס צוליב א קליינעם דעפעקט...

לויתן.

טייערע בגדים אמאל און היינט

ווער פון אונז האט זיך שוין נישט בעקלאגט דערויף ווי טייער די היינטיגע בגדים זענען און ווי גרויס ס'איז דער לוקסוס, אין וועלכען מיר לעבען? קוקט מען זיך אבער צו צו די טייערע בגדים, וועלכע מ'האט פריהער געטראגען, אזוי זעהען מיר, אז גראד די בגדים, אין וועלכע מיר געהען היינט, זענען די ביליגסטע קליידער פון אלע צייטען. ס'איז גענוג א קוק צו טהון, למשל, אין א טעאטער אדער אין א קינא אויף היסטארישע קאסטיומען פון פריהערדיגע צייטען, בכדי צו זעהען אין וועלכע טייערע קליידער אונזערע אבות זענען געגאנגען אנגעטהון.

די שטאפען האט מען געוועבט מיט דער האנד און זיי האבען דאמאלס אבגעקאסט א ממון קורה, אבער ווען מ'זאל זיי וועלען היינט וועבען טאקי מיט מאשינען, וועלען זיי אויך אזוי פיעל קאסטען, אז קיינער וועט זיי נישט וועלען קויפען.

שוין אבגערעדט דערפון, אז מ'האט פריהער געטראגען קליידער, צו וועלכע מ'האט בענויטיגט פיער ביז פינף מאל אזוי פיעל שטאף ווי היינט, זענען די קליידער פערפוצט געווארען מיט גאלד און זילבער (קיין אימיטאציעס זענען נאך דאמאלס נישט געווען) און די רייכע לייט האבען פערצירט זייערע קליידער מיט ברילאנטען און טייערע שטיינער, וואס האבען געפינקעלט אין די אויגען.

די היינטיגע בגדי-מלכות אפילו זענען אויס זייד אדער סאמעט, צומאל גאנץ וויניג דורכגעווירקט מיט עטליכע זילבערנע אדער גאלדענע פעדים. אבער פריהער האט, למשל, די ענגלישע קעניגין עליזאבעט געהאט זעקס טויזענד קליידער, די מייסטע מיט גאלד און עדעלשטיינער בעפוצט. דער עסטרייכישער קעניג פראנץ האט געטראגען א סאמעטענעם אנצוג, אויף וועלכען ס'זענען געווען אנגענעהט נישט וועניגער ווי 13.500 גאלדענע קנעפ.

פיליפינע וועלזער, דאס קעפס-ווייב פונ'ם קייזער פערדינאנד האט געהאט צוויי טויזענד רויזען פון ברילאנטען אויף איהרע קליידער. דאס קלייד פון דער איטאליענישער קעניגין אנכו (אין אכצעטען יאהרהונדערט) האט געהאט איינגעוועבט 3384 פערעל.

אויך מענער האבען געטראגען די טייערסטע זאכען, פון וועלכע מ'קען היינט קיין בעגריף נישט האבען. דער בורגונדישער פירשט פיליפ האט געטראגען א מאנטעל אויס טויזענד פון די שענסטע וויעוויורקעלעך. דערצו האט ער געטראגען א הוט, וואס איז געווען בעזעצט מיט זעקס הונדערט פערעל און מיט הונדערט ברילאנטען. היינט איז אויף דער גאנצער וועלט נישטא אזא לוקסוס אין א הוט.

ס'פערשטעהט זיך, אז די רייכע מענשען און אויך די אנשים פשטים פון יענער צייט האבען לויט דער דאמאלסדיגער מאדע געטראגען דאס שענסטע און דאס בעסטע. פעלצען האט יעדער געטראגען אינעווייניג, נישט ווי היינט אויסענווייניג. ביז צום 17 יאהרהונדערט האט מען פערקויפט אין איין יאהר מעהר פעלץ, ווי היינט אין צוואנציג יאהר אינאיינעם.

פריהער האט מען געטראגען דאס פעלץ אין דער זעלבער פארב ווי גאט האט עס בעשאפען אויף דער חיה. היינט קען מען פארבען און איבערארבייטען יעדעס פעל, אזוי אז מ'זאל קיינמאל נישט דערקענען אפילו וואס פאר א חיה דאס איז געווען.

די מאדע צו טראגען פעלצען, ווי למשל פערזיאנער, סיל וכדומה פון אויסענווייניג, איז נישט אלט קיין אכציג יאהר. אפילו דאסאיז א גאנץ נייע מאדע.

און ווייל מיר קענען היינט צודעקען יעדען פסול פון אונזער קליידונג, דורך גוטע, ביליגע, קונסטליכע מיטלען, זענען אונזערע קליידער, אויך פון די רייכסטע מענשען, א סך, א סך ביליגער ווי זיי זענען געווען אין די צייטען פון אונזערע עלטער-זיידעס.

ז. האבער, ווינע.

ראש - השנה אין טשענסטאכאוו.

די שוהלען און בתי-מדרשים זענען הייאהר ראש השנה געווען איבערפולט מיט מתפללים.

אין דער שטאדט שוהל האבען די מתפללים געהאט דעם אמת'ן עונג יום-טוב. עס האט העריליך געדאווענט דער ניי-אנגאזשירטער חזן ה' אלתר אלימלך כאלעווא, וועלכער פערמאגט א ריעזען-טענאר, א חתוך הדבור און א וואונדערבארע דיקציע, אזוי, אז די מבינים און מנגנים זענען געווען בעגייסטערט. אויך דער פערגרעסערטער כאר אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען זינגער און דיריגענט ה' יצחק ריכטער האט אויסגעפיהרט זעהר שעהנע קאמפאזיציעס פון יורישען און קלאסישען רעפערטואר, וואס האט געמאכט אויף אלע מתפללים אנ'אנגענעהמען איינדרוק.

אויך האט מען הייאהר געזעהן אין שוהל מתפללים, וועלכע האבען תמיד געדאווענט אין אנדערע שוהלען.

אויך אין רב'ס ז"ל בית-המדרש איז געווען איבערפולט מיט מתפללים.

אין דער נייער שוהל האבען געדאווענט די חזנים אויבער-קאנטאר ה' פישעל און קאנטאר ה' פינקעלשטיין. ביידע האבען ווי געהעריג אבגעריכט די תפלות. דער עולם האט אבער אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט וואס אין אזא סינאגאגע איז נישט פערהאנען קיין כאר.

ביידע טעג ראש השנה זענען געווען זוניגע און נאכמיטאג האט דער עולם שפאצירט אין די אלעען.

קאנדידאטען אין דער קהלה-פערוואלטונג.

שבת-צו נאכטס איז אונטער'ן פארזיץ פון אדוו. קאנארסקי פארגעקומען א זיצונג פון דער וואהל-קאמיסיע אויף אדורכצופיהרען די וואהלען אין דער קהלה-פערוואלטונג. די קאמיסיע האט אנערקענט אלס גילטיג די בעלעגטע 4 קאנדידאטען-ליסטעס, וועלכע ענטהאלטען אויף די ערשטע פלעצער פאלגענדע נעמען:

ליסטע נר. 1 – דוד קלין, דוד פיליפאוויטש; ליסטע נר. 2 – מענדיל לובארט, ווילהעלם זשעריקער; ליסטע נר. 3 – דר. בראם, שמואל גאלדשטיין, דר. שאפער; ליסטע נר. 4 – יעקב ראזענבערג, דניאל דזיאלאוויטש, נח עדעליסט, בעריל געווערצמאן, יוסף גאלדבערג.

די וואהלען פון א פערוואלטונג זענען נישט פארגעקומען צוליב מאנגעל אין א קווארום. די דאזיגע וואהלען וועלען פארקומען קומענדיגען זונטאג, 4 א זייגער נאמיטאג.

א נוצליכע אויסגאבע.

זייט א לענגערע צייט פיהלט זיך א מאנגעל פון א ווארשאווער אדרעסען-בוך, וואס זאל זיין אנ'אינפארמאטאר פאר די אנקומענדע פראווינצער סוחרים אין דער הויפט-שטאדט. ווארשא איז גרויס, די צאהל הורט און דעטייל-געשעפטען איז מעכטיג. צו אריענטירען זיך אין זייער צאהל, קויפען וואס מען וויל און וויפיעל מען וויל, אויסזוכען אנ'אדרעס פון אנ'אדוואקאט אדער דאקטאר קען מען – מען דארף נאר וויסען וואו. ביז-איצט האט אבער גאנץ אפט פאסירט, אז א סוחר אדער פעראינטערעסירטער, וואס איז געקומען פון דער פראווינץ, האט פיעל צייט און געלד פערלוירען און צום סוף נישט ערלעדיגט אלע ענינים, ווייל ער האט צו-לאנג געזוכט...

די דאזיגע אנגעווערהטאגטע פראגע ווערט איצט בעזייטיגט דורך דער נייער אויסגאבע, וואס האט זיך נישט לאנג צוריק בעוויזען אין די ביכער-געשעפטען. געשעפטס-מענשען, פאר וועלכע די צייט איז טייער, דארפען זיך פערזעהען מיט'ן „ווארשאווער אלפאבעטישען בראנזשען-בוך", וועלכער איז אנ'אויסגעצייכענטער האנדעלס-אינפארמאטאר פון דער שטאדט ווארשא. דאס בוך ענטהאלט 700 זייטען און קרוב 50.000 אדרעסען פון פירמעס, אינסטיטוציעס, אלערליי ווירטשאפטליכע פונקטען און פרייע פראפעסיעס. די אדרעסען פון די פירמעס זענען אלפאבעטיש פונאנדערגעטיילט אויף בראנזשעס, דאן אויף פערשידענע גרופען פון דעטייל און הורט-אונטערנעהמונגען, פאבריקסלאגערן און פערטרעטונגען. אזא צוזאמענשטעלונג גיט די סוחרים די מעגליכקייט צו געפינען דאס געהעריגע קויפס אדער פערקויפס-ארט, אויסצוגעפונען אנ'אדרעס פון אדוואקאט, דאקטאר, ארכיטעקט א.ד.גל.

דאס דאזיגע בוך דארף זיך דעריבער געפונען אין יעדער, אפילו קלענסטער, אונטערנעהמונג, איבערהויפט, אז דער פרייז איז א ביליגער (7.50 זל.) צו בעקומען אין דער „אגענציא וסכאדניא", ווארשא, נייע וועלט 16, ווי אויך אין אלע גרעסערע ביכער-געשעפטען אין גאנצען לאנד.

צו די יודישע לעהרער פון די פאלקס און פראפעסיאנעלע שולען.

די הויפט-פערוואלטונג פון פראפעסיאנעלען לעהרער-פעראיין פון די יודישע שולען אין פוילען (ווארשא, פשעיאזד 11) ווענדעט זיך צו אלע נישט ארגאניזירטע לעהרער, וואס זענען בעשעפטיגט אין די פריוואטע און געזעלשאפטליכע שולען, אלגעמיינע און פראפעסיאנעלע מיט דעם רוף אריינצוטרעטען אין פעראיין.

אונזער פעראיין איז די איינציגע פראפעסיאנעלע לאנד-ארגאניזאציע פון די יודישע לעהרער אין פוילען, וואס נעמט ארום די לעהרער פון אלע מינים שולען (אלגעמיינע, מיטעלע און פראפעסיאנעלע) אומאבהענגיג פון אידעאישער ריכטונג פון די שולען און זייער אונטעררייכטס שפראך. אין אונזער פעראיין זענען ארגאניזירט די לעהרער פון אלע יודישע מיטעל-שולען און די איבערוויגענדע מערהייט לעהרער פון די אלגעמיינע און פראפעסיאנעלע שולען אין די גרעסערע שטעדט ווי ווארשא, לאדז, ביאליסטאק, גראדנע א. א. דער פעראיין בעזיצט אבטיילונגען אין עטליכע און דרייסיג פונקטען פון לאנד. דער פעראיין שטעלט זיך פאר א ציעל צו פערטיידיגען די פראפעסיאנעלע, עקאנאמישע און רעכטליכע אינטערעסען פון דער לעהרערשאפט, צו שליסען קאלעקטיווע אבמאכען, צו רעפרעזענטירען די לעהרערשאפט לגבי דער שולמאכט, לגבי די געזעלשאפטליכע פאקטארען וכדומה. דער פעראיין האט ארגאניזירט א פערמיטלונגס ביורא פאר ארבייט. דער פעראיין האט אנ'אייגענעם ארגאן „פראצא נאאוטשיציעלסקא". ביים פעראיין איז טעטיג א הילפס-פאנד פאר אלמנות און יתומים נאך פערשטארבענע לעהרער, וואס זענען מיטגלידער פון פעראיין.

עס ליגט אין די אינטערעסען פון די נישט ארגאניזירטע לעהרער, וואס זענען בעשעפטיגט אין פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך אין לאנד וואס גיכער צוצושטעהן צום פעראיין. אין די איצטיגע שווערע צייטען פאר דעם יודישען שול-וועזען און לעהרערשאפט, קאן בלויז א ארגאניזירטע טעטיגקייט פערהיטען די לעהרערשאפט פאר ווייטערדיגע מפלות.

וועגען אינפארמאציעס, וואס זענען שייך דער פראגע פון צוטרעטען צום פעראיין און גרינדען לאקאלע אבטיילונגען דארף מען זיך ווענדען צום סעקרעטאריאט פון פעראיין: ווארשא, פשעיאזד 11.

דער אדרעס פון פעראיין איז:

Związek Zawodowy Nauczycieli Szkół Żydowskich w Polsce Warszawa, Przejazd Nr. 11.

פון קרן קימת לישראל

די הכנסות פון הודש אלול תרצ"ו: פושקעס–291.97 זל., אקציעס 301.90 זל., תרומת מטר–.12 זל., מארקעס–3,50 זל., חגי משפחה–8.50 זל., נדרים 24.68- זל. אבצייכנונגען–9.52 זל., פערשידענס–40 גר.

צוזאמען 652.46 זל.

נייער טשענסטאכאווער סטאראסטע.

דער ניי-נאמינירטער טשענסטאכאווער סטאראסטע ה' ראזמארינאוויסקי איז א לעגיאניסט פון דער ערשטער בריגאדע, רעזערוו-קאפיטאן און בעשאנקען מיט פיעל אויסצייכנונגען. א לענגערע צייט, בעת דער יעצטיגער פרעמיער סקלאדקאווסקי האט פערנומען דעם אמט פון וויצע-קריגס-מיניסטער – איז ה' ראזמארינאווסקי געווען זיין פערזענליכער אדיוטאנט. נאכ'ן ארויסטרעטען פון מיליטער האט ה' ראזמארינאווסקי פערנומען דעם אמט פון שטאדטישען און פאוויאטאווע סטאראסטע אין פלאצק, פון וואנען ער ווערט איבערגעטראגען דירעקט קיין טשענסטאכאוו.

פערבעסערונג אין סיסטעם פון אינפארמאציעס פאר די לאטעריע-שפילער

פאר'ן אנהויב פון יעדער לאטעריע דערהאלט די גענעראל דירעקציע פון דער מלוכה-לאטעריע א גרויסע צאהל אנפראגען וועגען אדרעסען פון קאלעקטורען, ביי וועלכע עס געפינט זיך א געגעבענער נומער לאס. ביז יעצט פלעגט די טעכנישע ביורא פון דער דירעקציע אנווייזען שריפטליך די געזוכטע אדרעסען.

צוליב דער גרויסער צאהל פון אזא ארט קארעספאנדענץ, פלעגט נישט איינמאל ארויסקומען א פערשפעטיגונג, און חוץ דעם פלעגט דער שפילער ערהאלטען די תשובה פון דער דירעקציע נאך האבען פאסט-אויסגאבען פון נאך א בריעף צום קאלעקטאר.

אנהויבענדיג פון יעצט וועט די דירעקציע איבערשיקען די ערהאלטענע אנפראגען צו די ענטשפרעכענדע קאלעקטורען מיט דער אנווייזונג צו בעדינען דעם פעראינטערעסירטען, וואס עס וועט פערבעסערן די ערלעדיגונג און וועט פערקלענערן די הוצאות פון שפילער.

נאטירליך, קען דער סיסטעם ווערען צוגעפאסט נאר אין פאל, ווען די אנפראגע איז נוגע בלויז איין נומער. עס ליגט אלזא אין אייגענעם אינטערעס פון די שפילער נישט צו בעלעסטיגען אין די אנפראגען וועגען א גרעסערע צאהל נומערן, נאר דערמאנען בלויז דעם נומער, וועלכער אינטערעסירט איהם.

דער נייעסטער פוילישער פילם אויף דער נייעסטער און בעסטער קלאנג-אפאראטור.

טראץ דעם אלץ הערשענדען אלגעמיינעם עקאנאמישען קריזיס, האט די דירעקציע פון קינא-טעאטער „לונא", אין דער זארג פון פערזעהען דעם ברייטען קינא-פובליקום מיט אמת'דיג ארטיסטישען איינדריקען, נישט גערעכענט זיך מיט די קאלאסאלע קאסטען און אינסטאלירט די נייעסטע אפאראטור, וואס ברענגט ארויס יעדען קלאנג אין אנ'אידעאלער, ביז-איצט נישט געהערטער ריינקייט און דייטליכקייט.

דער בעריהמטער פילם „טרענדאוואטא" איז דער ערשטער, אויף וועלכען דאס פובליקום וועט קענען בעוואונדערן אמת'ען ארטיזם, א דאנק דער אידעאלער איינריכטונג, וועלכע גיט ארויס א ריינעם טאן, וואס ס'איז ביז-איצט געווען בלויז א נישט-דערגרייכבארער חלום.

וועגען ענטלאסטען די שטאדט פון די חובות.

קיין ווארשא איז ארויסגעפאהרען דער היגער שטאדט-פרעזידענט מאטאל און דער נאטשעלניק פון דער שטאדטישער פינאנץ-אבטיילונג נאוואקאווסקי, כדי אנטייל צו נעמען אין דער זיצונג פון דער צענטראלער ענטלאסטונגס-קאמיסיע ביים פרעזידיום פון מיניסטאר-רען-ראט, וועלכע וועט בעטראכטען דעם ענין פון ענטלאסטען ד' שטאדט טשענסטאכאוו פון איהרע חובות.

די דעציזיע אינ'ם דאזיגען ענין ווערט ערווארט ערשט די נאהנטסטע טעג. ווי בעוואוסט בעטרעפען די חובות פון אונזער שטאדט אנ'ערך 25 מיליאן זלאטעס. דער ענטלאסטונגס-פלאן זעהט פאר א מעגליכקייט אבצוצאהלען די חובות אין משך פון 36 יאהר.

פון ראבינאט.

דער ראבינאט מאכט אויפמערקזאם די גבאים פון שוהלען און בתי-תפלות צו מאכען יום כפור הזכרות פאר די געפאלענע קדושים אין ארץ ישראל ואת נשמת הרב דקהלתנו נחום בן דוד צבי ז"ל.

זמן מוצאי יום כפור איז האלב 7.

פון צירק „ארענא".

דער פראגראם פון צירק „ארענא", וועלכער וויילט שוין עטליכע טעג אין טשענסטאכאוו בעשטעהט פון א רייה אויסגעצייכענטע נומערן.

אין דער שפיץ רוקט זיך ארויס דער ציקליסט טשעסטער דיק, וועלכער פיהרט אויס צוזאמען מיט זיין פארטנערין, וואס „העננט" ביי איהם אויפ'ן האלז אמת'ע וואונדער מיט'ן פאהרען אויף א ראוער. און ווירקליך פאהרט ער נישט אויף א ראווער, נור בלויז אויף א טייל דערפון – אויפ'ן הינטערשטען ראד, אויספיהרענדיג פערשידענע „סאלטא'ס" צוזאמען מיט'ן ראוער.

זעהר אריגינעל איז דער אטלעט פראנק עדערס, וועלכער טראגט אריין אין זיינע אויפטריטען א סך הומאר. ס'איז ווערט צו בעוואונדערן די לעגענדארע דויערהאפטיגקייט פון דעם פעסט-געבויטען ברוסט קאסטען און נאקען.

אננא מארינא וויזט זעהר שעהנע טעכניק ביים אויספיהרען די נומערן אויף א שנור. אויסערדעם בעזיצט זי פיעל חן.

די גרופע אקראבאטען פיהרט אויס זעהר אינטערעסאנטע אקראבאטישע שטיק. זייערע קארק-ברעכערישע סאלטא'ס רופען ארויס די אלגעמיינע בעוואונדערונג און געשפאנטקייט.

אויסער דעם איז אויך פערהאן אנ'ערשטקלאסיגע טרעסור פון פערד, וועלכע פיהרען אויס ביים קלאנג פון ארקעסטער פערשידענע טענץ און אנדערע נומערן.

בעת די פויזעס טרעטען אויף קלאונען מיט זעהר געלונגענע פאליטישע און סאטירישע וויצען, וועלכע רופען ארויס ביים פובליקום אמת'ן געלעכטער און ענטציקונג.

די קאנקלוזיע – דער פראגראם איז זעהר געלונגען און יעדער צירק-ליבהאבער דארף איהם זעהן.

„מכבי" – „ארלע".

זונטאג, דעם 27 ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אויפ'ן ספארט-פלאץ פון „מכבי" אויף יאסקראווסקא גאס א זעהר אינטערעסאנטער פוטבאל-מעטש צווישען „מכבי" און „ארלע" וועגען דער מייסטערשאפט פון קלאס „בע".

קאנקורס אויפ'ן אמט פון שפיטאל-דירעקטאר.

די שטאדט-פערוואלטונג האט פערעפענטליכט א קאנקורס אויפ'ן אמט פון דירעקטאר פון די שטאדטישע שפיטאלען.

די קאנדידאטען דארפען בעזיצען די פוילישע בירגערשאפט, נישט עלטער זיין ווי 45 יאהר, האבען מינדעסטענס א 5-יעהריגע שפיטאל-פראקטיק, דערונטער 2 יאהר אדמיניסטראטיווע און פערענדיגט דעם קורס פון גאז פערטיידיגונג פאר דאקטוירים.

אויפ'ן דאזיגען אמט איז פארגעזעהען א פענסיע פון 6 טער קאטעגאריע פון קאמונאלע אנגעשטעלטע.

דער טערמין פון בעלעגען אפערטען ענדיגט זיך דעם 17 אקטאבער ה. י.

יום-טוב פון ארטילעריע - פולק.

דער סטאציאנירענדער אין אונזער שטאדט ארטילעריע-פולק פייערט זונטאג, דעם 27-טען ד.ח. דעם יעהרליכען יום טוב.

דער פראגראם פון די פייערליכקייטען זעהט פאר: שבת 7 פריה – א גאטעסדיענסט פאר'ן פערשטארבענעם ערשטען מארשאל יוזעף פילסודסקי און פאר די געפאלענע זעלנער. 7 אוונד– אנ'אפעל פאר די געפאלענע זעלנער.

זונטאג 6 פריה – פייערליכע „פאבודקע", האלב 10 – א גאטעסדיענסט אויף דער יאסנא-גורא צוזאמען מיט דער ארגאניזאציע פון ל.א.פ.פ., 15 10– דאס דערלאנגען די פולק אויסצייכנונג, 11 – דעפילאדע אויפ'ן פיערצקי-פלאץ, 1 מיטאג – געמיינזאם זעלנעריש מיטאג אין די קאשארען אויף זאטשיש.

דעם 11 פאזדזיערניק 3 נאכמיטאג – פערד-גזיעגען אויפ'ן פלאץ נעבען די קאשארען.

געשטאָרבען מאיר דיזענגאָף

אין עלטער פון 75 יאהר איז מיט-וואָך פאַרטאָג געשטאָרבען דער ערשטער יודישער בירגערמייסטער און גרינדער פון דער יודישער שטאדט תל-אביב—מאיר דיזענגאָף.

די געשיכטע פון ארץ ישראל בכלל און פון תל-אביב בפרט איז געווען ענג פערבינדען מיט דער דאָזיגער אָנגעזעהענער פערזענליכקייט און הערליכער געשטאַלט ווי ס'איז געווען דער גרויסער נפטר. ס'איז נישט קיין גוזמא, ווען מען האט געזאגט, אז מאיר דיזענגאָף האט די ערשטע יודישע שטאדט אליין אויפגעבויט מיט די אייגענע הענד. נישטאָ כמעט קיין ווינקעל, קיין שטיין, וואו ער זאָל עס נישט האבען געקענט, נישט האבען דאָרט געווען. איבעראַל, ביי אַלע וויכטיגע אונטערנעהמונגען, וואס דער יודישער ישוב האט געמאכט, האט מען דעם שטענדיג ענערגישען בירגערמייסטער געזעהן אויפ'ן פּלאַץ, וואו ער האט זיך לעבעדיג אינטערעסירט מיט דעם קלענסטען פרט.

ערשט לעצטענס, בעת די בלוטיגע אונרוהען פון די צעווילדעוועטע אַראַבישע רוצחים איבער דעם רוהיגען און בליענדען יודישען ישוב, ווען מען האט אנגעהויבען שטעלען די ערשטע טריט אויפצובויען אין תל-אביב אַנ'אייגענעם יודישען פאָרט, וועלכער זאָל זיין אונאָבהענגיג פון דעם בלוטיגען יפו—האט דער דאַמאָלס קראַנקער מאיר דיזענגאָף נישט געקענט איינליגען אין בעט און געמוזט ארויסקומען צום ברעג ים זעהען ווי אזוי יודישע ארבייטער לאַדען אויס, ווי אזוי ס'ווערען געמאכט די ערשטע ארבייטען—און זעהענדיג דאס ראָזיגע בילד—האט ער זיך געפרייט און געוויינט ווי א קליין קינד.

און דער לעצטער אויפרוף זיינער, אין וועלכען ער האט אָפען בעשולדיגט די ענגלישע אַדמיניסטראציע אין די געשעהענישען אין ארץ-ישראל — איז געווען איינער פון די מוטיגסטע און דרייסטסטע אַרויסטריטען, וואס האט געמאכט אַ קאָלאָסאלען רושם אין דער גאנצער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט. אויף אַזאַ ווירדיגען אַרויסטריט האט זיך נאָר געקאָנט ערלויבען מאיר דיזענגאָף.

די לויה פון דעם דאזיגען פערדינסטפולען גרויסען יוד און מענש איז פאָרגעקומען נעכטען 10 א זייגער פריה.

צוזאמען מיט'ן גאנצען יודענטום בעטייליגען מיר זיך אינ'ם גרויסען צער, וואס מיר האבען געליטען מיט דער אבידה פון מאיר דיזענגאָף.

וועגען יודישע זעלנער און ארעסטאַנטען אויף די ימים-נוראים.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס אַ גרויסע צאָהל יודישע זעלנער איז ראש השנה נישט בעפרייט געוואָרען, טראָץ דעם בעפעהל פון דער גארניזאָן-קאָמענדע, וואס איז וועגען דעם אַרויסגעגעבען געוואָרען, האט פּרעזעס ראָזענבערג צוזאמען מיט ה' מענדיל אַש בעזוכט דעם גאַרניזאָן-קאָמענדאַנט און איהם דערויף אויפמערקזאם געמאכט. דער קאָמענדאנט האט צוגעזאגט זיך צו פעראינטערעסירען מיט דעם ענין און זיך צו בעמיהען, אז אויף די נאָהנטע ימים טובים זאלען אלע יודישע זעלנער ווערען בעפרייט.

אין די טעג פון ראש השנה זענען אין דער ציווילער תפיסה אבגעריכט געוואָרען תפילות און אויפ'ן חשבון פון דער קהלה זענען אריינגעגעבען געוואָרען פאר די יודישע ארעסטאנטען כשר'ע מאכלים. דאס זעלבע איז אויך [illegible]גע יום כפור.

„דער פרייער מענש — רוף פון געוויסען".

זייט צוויי חדשים ערשיינט אין לאָדז א וואָכען-צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך א.נ. „דער פרייער מענש — רוף פון געוויסען"
(Człowiek Wolny-Zew Sumienia)
וועלכע האט זיך געשטעלט פאר אַנ'אויפגאַבע צו בעקעמפען אין פוילען דעם אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם און צו קעמפען פאר די רעכט פונ'ם מענש און בירגער, אָהן אונטערשיעד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע.

די נומערן, וואס זענען ביז איצט ערשינען, זענען רייך מיט אינטערעסאַנטען און בעלעהרענדען מאַטעריאַל. לויט'ן אינהאַלט פון דער צייטונג איז זי ענהליך צו דער אידעע פון דער באוואוסטער פרייהייטס קעמפערין אירענאַ הארַאנד, וועלכע גיט ארויס אין וויען אַנ'אייגענע צייטונג א.נ. „גערעכטיגקייט" און פאָהרט ארום איבער דער וועלט האַלטען פאָרלעזונגען וועגען דער שעדליכקייט און געפאַהר פון נאַציזם און ראַסיזם.

אגב איז ווערט צו בעמערקען, אז דאס איז די איינציגע פוילישע צייטונג אין פוילען, וועלכע האט דעם מוט און די דרייסטקייט ביים היינטיגען טאָג אָפען צו בעקעמפען דעם אַנטיסעמיטיזם נישט מורא האבענדיג פאר קיינעם. די רעדאַקטאָרען האבען שוין זאָגאר בעקומען פיעל דראָהונגס בריעף פונ'ם ענדעקישען לאגער, אז זיי זאָלען אָבשטעלען די צייטונג, אבער זיי קוקען נישט אויף [illegible] און געהען ווייטער זייער וועג געטריי דער אויבענדערמאנטער אידעע.

אָנגעהויבען זיך די וואָך פון ל. אַ. פּ. פּ.

דעם 23 ד.ח. האבען זיך אָנגעהויבען די פייערונגען פון דער 13-טער וואָך פון ל.אַ.פּ.פּ.

די פייערליכקייטען האבען זיך אָנגעהויבען 6 אווענד מיט א קאָנצערט פון מיליטערישען אָרקעסטער, בעת וועלכען דער דירעקטאָר פון דער אובעזפּיעטשאלניע אינזש. וואליגורסקי האט געהאלטען א פּראָפּאגאנדע-רעדע צום פערזאמעלטען פּובליקום וועגען די ציעלען און אויפגאבען פון ל. אַ. פּ. פּ. ביי דער פערטיידיגונג פון דער ציווילער בעפעלקערונג אין פאל פון א מלחמה.

דער פּראָגראַם פון די ווייטערדיגע פייערונגען איז פאָלגענדער:

שבת, דעם 26-טען ד.ח. 4 נאכמיטאג וועלען מיליטערישע אַעראָפּלאַנען, סימולירען א לופט - אַטאַק אויף דער שטאָדט, וועלכע וועט פערטיידיגט ווערען דורכ'ן מיליטער און די מאַנשאַפטען פון ל.אַ.פּ.פּ. 7 א זייגער אָווענד וועט פארקומען א פּרוב גאַז-אַטאַק, בעת וועלכען עס וועט אויסגלאָשען ווערען די בעלייכטונג אין דער גאַנצער שטאדט. האלב 8 אווענד נאכ'ן אַטאַק, וועט זיך אנהויבען די טעטיגקייט פון די רעטונגס-מאַנשאַפטען און גאַז-עקיפּען. אין אווענד וועט פארקומען א דאַנסינג אין האָטעל „פּאָלאָניאַ".

זונטאג, דעם 27 טען ד.ח. 9 30 פריה וועלען פארקומען תפילות אין די געבעט-הייזער. דאן וועט פארקומען די פערטיילונג פון די דיפּלאָמען פאר פערדינסטפולע מיטגלידער פון ל.אַ.פּ.פּ.

האלב 11 וועט זיך אָנהויבען דער פּראָפּאגאנדע צוג איבער דער שטאדט. 3 א זייגער נאכמיטאג — פערוויילונג אין פּאַרק און מאַרש-פערמעסטונגען וועגען דעם איבערגאנגס בעכער פון ל.אַ.פּ.פּ. 7 אווענד וועלען אויפ'ן מאַגיסטראט פּלאַץ דעמאָנסטרירט ווערען פילמען.

אין משך פון טאָג, פון 8 פריה ביז 2 נאכמיטאג וועט פארקומען א גאַסען-זאַמלונג.

דאנערשטאג, דעם 1 אָקטאָבער וועט אין קאַפע „אייראָפּאַ" פארקומען א דאַנסינג.

די גאַנצע צייט פון דער „וואָך פון ל.אַ.פּ.פּ. וועלען אין דער שטאדט ווי אויך אין די לאקאלען פארקומען געלד-זאַמלונגען פאר'ן ל.אַ.פּ.פּ.

אַ פּרוכטען - אויסשטעלונג.

דעם 3 און 4 אָקטאָבער וועט אין פּאַוויאַטאָווע זאַל פאַרקומען אַנ'אויסשטעלונג פון פּרוכטען. איינגאַנג 10 גראָשען.

פּרוב פון אַ לופט-פליה-אַטאַק קומט פאָר שבת אין טשענסטאָכאָוו.

די פערוואלטונג פון דער אָרטיגער אָבטיילונג פון ל.אַ.פּ.פּ., אין פערשטענדיגונג מיט דער שטאָדטישער סטאראָסטווע, איז מודיע אלע טשענסטאכאווער איינוואוינער, אז שבת, דעם 26 ד. ח. ארום 7 אווענד וועט פארקומען א פּרוב פון א לופט-פליה-אַטאַק.

אין דער דאזיגער צייט וועלען די פאבריקס סירענעס געבען א לאנגען אַלאַרם-סיגנאַל און דאן דארפען אלע פערבייגעהער, וואס וועלען זיך געפינען אין די אלעען און אויפ'ן נייעם מארק, אין זייער אייגענעם אינטערעס זיך אויסבעהאלטען אין נאָהנטסטען טויער, וואו יעדער דאַרף אָבוואַרטען ביז דער פליה-אַלאַרם וועט אָבגערופען ווערען דורך איבערגעריסענע סיגנאלען פון די פאבריקס סירענעס.

די הויז-בעזיצער פון די דעמאַנטע גאסען ווערען געבעטען צו פעראָרדנען, אז די הויז-וועכטער זאלען האלטען אָפען די טויערען.

מיט'ן מאָמענט ווען די בעלייכטונג אין שטאָדט וועט דורך דער עלעקטראָווניע אויסגעלאָשען ווערען דארפען די לאָקאטארען אין זייערע וואוינונגען אויסלעשען אלע ליכט ביז צום סוף פון פליה-אַלאַרם.

גרויסע שרפה אין אַ צעגעלניע.

דינסטאג ארום 10 א זייגער אין אָווענד זענען דורך דער אַלעע אין א שנעלען טעמפּאָ אדורכגעפאָהרען די אויטאָס פון די פייערלעשער.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אַז אין דער צעגעלניע פון ה' העלמאַן איז אויסגעבראָכען א שרפה, וועלכע האט זיך אָנגעהויבען אינ'ם הויפּט-בנין, וואו ס'ווערען אויסגעברענט די קאָפלעס און זיך מאָמענטאַל אריבערגעטראָגען אויפ'ן גאַנצען בנין, ארומנעמענדיג אויך די שטאָקען.

די פייערלעשער זענען שנעל ענערגיש צוגעטרעטען צו לעשען דאס פייער, בעת וועלכען עטליכע פּערזאָן זענען געוואָרען אָבגעבריהט. גלייכצייטיג מיט דער אַקציע פון לעשען די שרפה איז געפיהרט געוואָרען א רעטונגס-אַקציע, א דאַנק וועלכען ס'זענען געוואָרען אָבגעראַטעוועט דער מאַגאַזין און די עמאַליערניע. די שרפה האט געדויערט פון 10 אָווענד ביז האלב 2 ביינאכט.

דער שאָדען דערגרייכט ביז 50.000 זלאָטעס.

גע'פּסל'ט די קהלה-וואַהלען אין וויערושאָוו.

צוליעב דעם, וואס א צוגאַב ליסטע פון 26 רעגיסטרירטע וועהלער איז אוועקגעקומען און צוליעב דעם, וואס אין דער אורנע זענען אריינגעוואָרפען געוואָרען קאָלירטע וואָהל-צעטלען זענען די וואָהלען גע'פּסל'ט געוואָרען.

עס זענען געוואָרען בעשטימט וואָהלען מיט א גענצליך נייעם וואָהל-קאַלענדאַר אויף דעם 30 טען ליסטאָפּאַד ה. י.

ענדערונגען אין אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט.

דער פערטרעטער פון אַרבייטס-אינספּעקטאָר אינזש. פּאַוועל לובאַרטאָווסקי איז די לעצטע טעג אויף זיין אייגענער בקשה געוואָרען בעפרייט פון זיין אַמט.

ס'ווערט מיטגעטיילט, אז צוליב דער פערצווייגטער אינדוסטריע פון טשענסטאָכאָווער קרייז וועלען צו-הילף דעם אַרבייטס אינספּעקטאָר צוגעטיילט ווערען צוויי וויצע אינספּעקטאָרען.

אַ שטרייק אין עטליכע פאַבריקען.

אין עטליכע היגע ראַהם פאַבריקען איז אויסגעבראָכען אַנ'אָקופּאַציע שטרייק. אין דער פאַבריק פון ס. בזשוסקי, סולקאָווסקי גאַס 12, וואו ס'אַרבייטען 20 פערזאָן, בענעט אויף פּילסודסקי גאַס, וואו ס'אַרבייטען 13 פערזאָן און אויף אַלעע וואַלנאַשטשי, וואו ט'אַרבייטען 6 פערזאָן.

דער אָקופּאַציע-שטרייק אין דער כעמישער פאַבריק „דאַמביע" איז געוואָרען ליקווידירט. די אַרבייטער האבען דערגרייכט א 10 פּראָצענטיגע הוספה.

Przedstawiam się jako nowy

D-ra OETKERA
budyń czekoladowo-śmietankowy

Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38

דאס אונפערגלייכליכע ביכעל מיט פאָרשריפטען פון דר. עטקער א. ט. „אַ גוטע בעל-הבית'טע באַקט אַליין" איז צו בעקומען אין אַלע קאָלאָניאַל-געוועלבער, ביכער-געוועלבער און ביי אונזער פערטרעטער. פרייז 50 גראשען.

זיינוועל שווידערסקי נ"ע

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז מיטוואָך געשטאָרבען דער אָנגעזעהענער היגער בעל הבית שמואל זיינוועל שווידערסקי נ"ע.

דער נפטר איז געווען א שטרענג רעליגיעזער יוד, געגעבען צדקה, און זיך אויסגעצייכענט מיט פיעל גוטע מדות.

פאַר'ן טויט האט ער איבערגעלאָזט א צוואה, אז דאס אַלעקסאַנדער שטיבעל, וואס געפינט זיך אין זיין הויז אויף נאַרוטאָוויטשאַ 7, זאָל פערשריבען ווערען פאר די חסידים אויף אייביג.

די לוויה איז פאָרגעקומען נעכטען. דעם נפטר האט מען אריינגעטראגען אין דערמאנטען אַלעקסאנדער שטיבעל וואו ס'האבען איהם מספיד געווען ר' שלמה ווייצענבלאַט און ר' משה האלטער.

אין דער לויה האבען זיך בעטייליגט א גרויסע צאהל מלוים.

ת.נ.צ.ב.ה.

דער קאַלענדאַר פון די באָקס-מייסטערשאַפטען פון שלעזיען.

עס איז שוין אויסגעלאָסעוועט געוואָרען דער קאַלענדאר פון די מייסטערשאַפטס קאמפען פאר באָקסער-מאַנשאַפטען פון שלעזיען, אין וועלכע — ווי בעוואוסט — עס נעמט אנטייל אלס דער איינציגער קלוב פון טשענסטאכאוו דער היגער „מכבי".

דער דאזיגער קאַלענדאר שטעלט זיך פאָר פאָלגענד:

דעם 3 אָקטאבער „סטזשעלעץ" (שאַפּיעניץ) געגען פּאָליציייאישען ספּאָרט-קלוב (סאָסנאָוויץ). דער מעטש קומט פאר אין שאַפּיעניץ.

דעם 11 אָקט. פּאָליציייאישער ספּאָרט-קלוב (סאסנאוויץ) — „מכבי" (טשענסטאָכאָוו). מעטש אין סאסנאוויץ.

17.10 „מכבי" (סאסנאוויץ) — „סטזשעלעץ" (שאַפּיעניץ) אין סאסנאוויץ.

18.10 פּאָליציייאישער ספּאָרט - קלוב (סאסנאוויץ) — „סטזשעלעץ" (קאטאָוויץ) אין סאסנאוויץ.

31.10 „סטזשעלעץ" (שאַפּיעניץ) — „סטזשעלעץ" (קאטאוויץ) אין שאפּיעניץ.

8.11 „מכבי" (טשענסטאכאוו) — „סטזשעלעץ" (קאטאוויץ) אין טשענסטאכאוו.

8.11 פּאָליציייאישער ספּארט - קלוב (סאסנאוויץ) — „מכבי" (סאסנאוויץ) אין סאסנאוויץ.

14.11 „סטזשעלעץ" (שאַפּיעניץ) — „מכבי" (טשענסטאכאוו) אין שאַפּיעניץ.

22.11 „מכבי" (טשענסט.) — „מכבי" (סאסנאוויץ) אין טשענסטאכאוו.

29.11 „מכבי" (סאסנאוויץ)—„סטזשעלעץ" (קאטאוויץ) אין סאסנאוויץ.

דעם ערשטען מעטש וועט אַלזאָ דער טשענסטאכאווער „מכבי" האבען אין סאסנאוויץ דעם 11 אָקטאבער מיט דעם דארטיגען פּאָליציייאישען קלוב. צו דעם דאזיגען מעטש האבען שוין די היגע באָקסער אונטערגענומען אַנ'אינטענסיווען טרעניגג.

נעמענדיג אין אַכט, אז אלע באָקסער-מאַנשאַפטען, וואס געמען אנטייל אין די פערמעסטונגען שטעהן מעהר-ווייניג אויף דער זעלבער הויך איז שווער פאראויסצוזאגען וועלכער קלוב עס וועט געווינען די מייסטערשאפט און אריין אין דער „אַ" קלאַס. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אז די מייסטערשאפטס פערמעסטונגען האבען ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג.

א בריעף אין רעדאַקציע

ערקלערונג פון שניידער-צעך וועגען לעצטען שטרייק

אין צוזאמענהאנג מיט דער נאָטיץ, וואס האט זיך בעוויזען אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" № 38, אז דער לעצטער שטרייק וואס איז אויסגעבראָכען ביי די שניידער איז געווען צוליעב'ן איבעררייסען דעם אָבמאָך דורכ'ן שניידער-צעך, ערקלערען מיר, אז דאס שטימט נישט מיט'ן אמת. דער אָבמאָך איז געוואָרען זיינער צייט אויפגעלעזט צוליעב דער שולד פון פראַץ. פעראיין פאַר ערלעדיגען אַנ'ענין דורכ'ן 3-טען צד, נישט פערשטענדיגענדיג זיך פריהער מיט'ן שניידער-צעך, ווי עס האט געליטעט דער געשלאָסענער אָבמאָך.

די פערוואַלטונג
פון יודישען שניידער-צעך.

בלוטיגער מאָרד אין קוזשניצאַ.

אויפ'ן 58-יעהריגען ערד-בעזיצער ראָך וואָיטאַשיק פון דאָרף קוזשניצא איז אויסגעפיהרט געוואָרען א ברוטאַלער מאָרד.

זייט א לאַנגע צייט האט צווישען איהם און דעם 38-יעהריגען וויסאָלד סומאָוויטש געדויערט א סכסוך צוליב א שטיק פעראַקערטע ערד. פּלוצים ווען די דאָזיגע צוויי שכנים האבען זיך צונויפגעטראָפען און אָנגעהויבען א קריגעריי, האט סומאָוויטש ארויסגענומען א מעסער און געמאַכט וואָיטאַשיק'ן עטליכע שטערבליכע וואונדען און דערונטער אין האַרץ.

דער בלוטיגער מערדער איז געוואָרען אַרעסטירט.

KINO „EDEN".

העריליכער פילם פון עסטרייכישער פּראָדוקציע „סאַשאַ" אין וויען

SZALONY PORUCZNIK

העריליכע מוזיקאלישע קאָמעדיע